עִקַּר הָרוּחַ־חַיִּים מְקַבְּלִין מֵהַצַּדִּיק (תורה ח)

קונטרס

# רוחא דחיי

שיחות ומאמרים
ע"פ משנתו של
רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

מאת

הרה"ח ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## קונטרס ד'

"ראש חודש ניסן – ראש השנה למלכים"

# תוכן השיחה


די גרויסקייט פון ראש חודש ניסן

א אמתע'ר מנהיג

גיוואלד! מ'גייט דן זיין דעם רבי'ן...

וואס שטערט דער רבי זיין 'מלך'?

'וויפל' רבי ווילסטו?

דער רבי רעדט צו מיר אין יעדע זאך

וואס הייסט א 'ברסלבער שטוב'?

אוֹר בְּמוֹשְׁבוֹתָם

די שמחה און קדושה פון חודש ניסן

זיך צוגרייטען צום ר"ה למלכים

ביים רבי'ן לערנט מען 'דרך ארץ'

ברסלבע'ר חסידים – 'בני מלכים'


הערות והארות ניתן לפנות לטל' 0534159773


© כל הזכויות שמורות


כדי לקחת זכות והשתתפות בהוצאת הקונטרסים ניתן לפנות

בירושלים 05331.93747 בבי"ש 05341.52325

לתרומה ממוחשבת בכרטיס אשראי בטל' 037630585 שלוחה 1< 6491

ניתן להאזין לשיעור בטל' 0723323796 4< 7<4


גרפיקה ועימוד: י. גרוס 0527644765


חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב

לע"נ

הר"ר אברהם ב"ר אהרן יאראוויטש זצ"ל

ת.נ.צ.ב.ה.

הונצח ע"י המשפחה

חלק מהוצאות הקונטרס נתנדב

לע"נ

מרת ברכה נחמה בת ר' יצחק זאב ע"ה

ת.נ.צ.ב.ה.

הונצח ע"י המשפחה

להשתתפות בהוצאת הקונטרס ולקיחת חלק בזיכוי הרבים בעת שמחתכם או לזכרון יקיריכם נא לפנות לטל' 0534159773

# ראש השנה למלכים

### מעלת וקדושת ראש חודש ניסן

### [שיעור בחבורת האברכים בי"ש כ"ד אדר התשפ"א]

## די גרויסקייט פון ראש חודש ניסן

ב"ה דער עולם הויבט זיך שוין אָן גרייטן אויף פסח - "**שואלין ודורשין שלושים יום לפני החג**[א]" - פון פורים אויף פסח.

אבער אמאל פארגעסט מען, אז ביים רבי'ן פאר פסח איז דא נאך א גרויסער טאג וואס רופט זיך - "**ראש חודש ניסן**[ב]".

---

**א.** שו"ע או"ח ס' תכ"ט

**ב.** ראה ימי שמואל קע"ז: והגיע ערב ראש חודש ניסן, שהוא יום תפלה, כי הוא יום נסיעה לציון רבנו הקדוש כמו יום ערב ראש חודש שבט כנזכר לעיל, **כי ניסן ראש השנה למלכים ולרגלים, והתחלת התקרבות ישראל לאביהם שבשמים, והוא יום התעוררות מהרבה אנשי שלומנו**, שבאים לציון הקדוש עוד מימי מוהרנ"ת ז"ל, שהנהיג לנסוע לציון רבנו ז"ל בערב ראש חודש ניסן עד היום הזה. וגם פה בתוככי ירושלים הוא יום תפלה כמו בערב ראש חודש אלול, ונוסעים הרבה אנשים ונשים וטף לקבר רחל אמנו יותר מבכל השנה, וגם אחינו הספרדים הולכים ברוב עם על הר הזיתים, לבקש ולעורר רחמים על קברי אבות. (**ורבינו ז"ל הי' הולדתו בר"ח ניסן (בשבת) שהוא ר"ה למלכים ולרגלים**)

דער רבי רעדט[ג] פון די גרויסקייט פון ר"ח ניסן - אז ס'איז ממש א פחד צו אריבערגיין אזא טאג און זיך נישט וויסנדיג מאכן, פון אַזאַ גרויסן טאג..

דער רבי ברענגט[ד] אז ר"ח ניסן איז "**ראש השנה למלכים**[ה]", יעמאלט איז מען ממנה אלע מלכים אין הימל - מען איז ממנה אלע מלכים, און דער עיקר איז אז מען איז ממנה 'מנהיגים'; מען איז ממנה פאר אונז א **'מנהיג הדור'**; מען איז ממנה דעם רבי'ן פאר אונז - אז דער רבי זאל זיין א מנהיג.

דער רבי רעדט – מיר וועלן אביסל ארום ליינען פון אינעווייניג[ו] - דער רבי זאגט דעם לשון: **"ניסן ר"ה למלכים ואז ממנים כל המלכים למעלה... השי"ת יתן לנו גם מלך ומנהיג רועה נאמן שיוכל להאיר בנו"** – וועט קומען א מלך ומנהיג, א רועה נאמן - וואס וועט קענען אריינשיינען אין אונז.

**"ואנחנו הם העם אשר לרגליך ההולכים אחר עצתך**[ז]**, שמתנהגים אחר המנהיג** – מיר זענען דער פאלק וואס גייט נאך דער מנהיג; גייט נאך זיינע עצות. **ומי יתן והיה לנו מנהיג כמו משה רבנו עליו השלום"** - ווי באקומט מען אַזאַ מנהיג, אז מיר זאלן האבן א מנהיג אזוי ווי משה רבנו.

כלל ישראל האבן באקומען א מנהיג - די אידן זענען געווען אין מצרים זענען זיי געווען בתכלית תכלית המדרגה הפחותה[ח] - זיי זענען געווען **"הללו**

---

**ג.** ראה ליקוטי מוהר"ן תורה מט, תורה ע. ובליקו"מ תנינא: תורה ה', תורה ל"ט

**ד.** בליקו"מ תורה ע' קמא ובתורה ה' ול"ט תנינא

**ה.** מסכת ר"ה א

**ו.** מתורה ל"ט בליקו"מ תנינא. ולתועלת הקוראים נעתיק את הקטע בשלימותו וזל"ש: נִיסָן רֹאשׁ־הַשָּׁנָה לִמְלָכִים (ר"ה ב), וְאָז מְמַנִּין כָּל הַמְּלָכִים לְמַעְלָה, וּבְוַדַּאי נוֹתְנִין מַתָּנוֹת לְכָל אֶחָד וְאֶחָד שֶׁמַּמְלִיכִין אוֹתוֹ. וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יִתֵּן לָנוּ גַּם־כֵּן מֶלֶךְ וּמַנְהִיג, רוֹעֶה נֶאֱמָן, שֶׁיּוּכַל לְהָאִיר בָּנוּ וְכוּ' כַּנַּ"ל. וַאֲנַחְנוּ הֵם הָעָם אֲשֶׁר בְּרַגְלֶיךָ - הַהוֹלְכִים אַחַר עֲצָתְךָ, שֶׁמִּתְנַהֲגִים אַחַר הַמַּנְהִיג. וּמִי יִתֵּן וְהָיָה לָנוּ מַנְהִיג כְּמוֹ מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, עָלָיו הַשָּׁלוֹם, וְכוּ' כַּנַּ"ל:

**ז.** שמות יא, ח: צֵא אַתָּה **וְכָל הָעָם אֲשֶׁר בְּרַגְלֶיךָ**. ופירש"י: אשר לרגליך, **ההולכים אחר עצתך** והלוכך.

**ח.** ראה ליקו"מ תורה י"א ובליקו"ה ר"ח ג,יח. וראה בליקו"ה חכירות וקבלנות א,ז וזל"ש: כִּי זֶה הַצַּדִּיק הַמֻּפְלָג בְּיוֹתֵר שֶׁיָּכוֹל לַעֲסֹק בְּתִקּוּנֵי הַשָּׂדֶה הַנַּ"ל הוּא בְּחִינַת מֹשֶׁה כִּי **הֶעֱלָה נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל מִמַּדְרֵגָה פְּחוּתָה מְאֹד מִטֻּמְאַת מִצְרַיִם** לְמַדְרֵגָה נוֹרָאָה מְאֹד לְקַבָּלַת הַתּוֹרָה. ובליקו"ת

**עובדי עבודה זרה והללו עובדי ע"ז**[ט] - זיי האבן גארנישט געוואוסט.. און נישט נאר דער אויבערשטער האט זיי ארויסגענומען פון מצרים, נאר דער אויבערשטער האט זיי אויך געגעבן א 'מנהיג'.

אַזאַ מנהיג ווי 'משה רבנו' – אזא מנהיג לדורות, באקומען אַזאַ מנהיג.. אזעלכע אנשים פחותים האבן באקומען אזא מנהיג!

זאגט דער רבי ווייטער[י]: "**וראוי לנו לומר זאת בבכיה בדמעות שליש** - מען דארף וויינען פארן אויבערשטן, מען דארף בענקען – **לבכות ולהתגעגע לבקש ולהתחנן לפניו יתברך מתי נזכה לזה** - ווען וועלן מיר זוכה זיין, **שיהיה לנו זה הדעת** - מיר זאלן זוכה זיין צו באקומען א דעת - **שנוכל לדעת ולהכיר הבורא יתברך מכל דבר של זה העולם, בפרטי פרטיות**" - אז מיר זאלן קענען דערקענען און וויסן פון דעם אויבערשטן אין יעדן פלאץ וואו מיר געפינען זיך.

אין יעדער זאך זאל מען וויסן וואס מיר האבן צו טאהן מיט דעם אויף דער וועלט, זאל די זאך נישט זיין קיין 'מפסיק' צווישן אונז מיטן אויבערשטן - נאר פארקערט; מען זאל קענען וויסן פון דער פלאץ דעם אויבערשטן.

מען זאל זיך קענען דערנענטערן צום אויבערשטן עד התכלית. מען זאל פון אלע פלעצער קענען אנקומען צום תכלית - אז די אלע זאכן זאל אונז נישט דערווייטערן פון תכלית.

---

תפילה ל: **וְיִשְׂרָאֵל בְּמִצְרַיִם שֶׁהָיוּ בְּמַדְרֵגָה פְּחוּתָה מְאֹד בְּמ"ט שַׁעֲרֵי טֻמְאָה, לֹא הָיָה מִי שֶׁיּוּכַל לַעֲזֹר לָהֶם כִּי אִם מֹשֶׁה רַבֵּנוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם**. וְעַכְשָׁיו שֶׁנָּפַלְנוּ בְּגָלוּת גָּדוֹל בְּגוּף וָנֶפֶשׁ **יוֹתֵר וְיוֹתֵר מִגָּלוּת מִצְרַיִם**, בְּוַדַּאי אֵין מִי שֶׁיּוּכַל לַעֲזֹר אוֹתָנוּ כִּי אִם הַצַּדִּיק הַגָּדוֹל בְּמַעֲלָה מְאֹד שֶׁיִּהְיֶה בִּבְחִינַת מֹשֶׁה רַבֵּנוּ.

**ט.** ראה זוהר תרומה דף קע: ובבראשית רבה נז,ד שמות רבה כא,ז

**י.** שם בתורה ל"ט: וְרָאוּי לָנוּ לוֹמַר זֹאת בִּבְכִיָּה, בִּדְמָעוֹת שָׁלִישׁ, לִבְכּוֹת וּלְהִתְגַּעְגֵּעַ, לְבַקֵּשׁ וּלְהִתְחַנֵּן לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ, מָתַי נִזְכֶּה לָזֶה, שֶׁיִּהְיֶה לָנוּ זֶה הַדַּעַת, שֶׁנּוּכַל לָדַעַת וּלְהַכִּיר הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ מִכָּל דָּבָר שֶׁל זֶה הָעוֹלָם בְּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת כַּנַּ"ל, עַד הַתַּכְלִית כַּנַּ"ל. וּכְפִי הַמַּדְרֵגָה פְּחוּתָה שֶׁלָּנוּ עַתָּה, וְכֻלָּנוּ אֵין פָּנֵינוּ יָפוֹת כְּלָל, אָנוּ צְרִיכִין שֶׁיְּרַחֵם עָלֵינוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, לִתֵּן לָנוּ מַנְהִיג רוֹעֶה נֶאֱמָן, שֶׁיּוּכַל לְהָאִיר בָּנוּ יְדִיעָה הַנַּ"ל, כְּדֵי שֶׁנּוּכַל לְעָבְדוֹ יִתְבָּרַךְ כָּרָאוּי וְלָבוֹא אֶל הַתַּכְלִית כַּנַּ"ל.

"**וכפי המדריגה פחותה שלנו עתה** - לויט אונזער נידריגע מדריגה - **וכולנו אין פנינו יפות כלל** - מיר האבן זייער נישט קיין שיינע פנים מיט קיין מעשים טובים - **אנו צריכים שירחם עלינו השי"ת ליתן לנו מנהיג רועה נאמן** - מיר דארפן דער אויבערשטער זאל רחמנות האבן אויף אונז און זאל אונז געבן א מנהיג ורועה נאמן - **שיוכל להאיר בנו ידיעה הנ"ל, כדי שנוכל לעבדו יתברך כראוי"**.

מיר דארפן באקומען, מיר דארפן בעטן דעם אויבערשטן בדמעות שליש - זאל רחמנות האבן אויף אונז.

## א אמתע'ר מנהיג

ר"ח ניסן טיילט מען מנהיגים – יעדן ר"ח ניסן שטעלט מען אוועק..

[יא א, די 'מדינה' גייט יעצט אוועקשטעלן **כאילו גאר א ערנסטע הנהגה** - מען וועט אויסקלייבן 'בחירות' דעם קלוגסטן מענטש פון די מדינה זאל פירן די מדינה - זאל אינזינען האבן אלעמען, אלע זאלן האבן וואס זיי דארפן. ס'גייט ממש זיך אנהויבן נייע צייטן וואס מען האט נאך קיינמאל נישט געזען...]

אבער ר"ח ניסן - זאגט דער רבי - גייט מען אוועקשטעלן באמת א מנהיג - **'א אמתער מנהיג'!** א אמת'ער מנהיג וואס גייט אראפ צו יעדן איינעם, און ער גייט יעדן איינעם אויסלערנען - ארייניטאהן דעם דעת אפילו אין נידריגע מענטשן און זייער זייער נידריג; זייער א נידריגן שכל, זייער זייער ווייט פון צו וויסן עפעס, פון צו פארשטיין עפעס.

גייט דער מנהיג זיך אראפלאזן צו אונז און ער גייט ווערן דער מנהיג פאר יעדן איינעם - פאר יעדן איינעם פון אונז גייט ער ווערן א מנהיג.

---

**יא.** השיחה נאמרה בעת שהתקיים סבב הבחירות האסורות השלישי במדינת הציונים.

דאס הייסט א אמת'ער מנהיג - א רועה נאמן אזוי ווי משה רבנו. ווי אזוי איז משה געווארן א מנהיג - "**וּמֹשֶׁה הָיָה רֹעֶה אֶת צֹאן יִתְרוֹ**[יב]" - ער איז געגאנגען מיט די שעפאלאך. און אז א שעפאלע איז אנטלאפן האט ער איר נאכגעיאגט און נאכגעיאגט, ביז ער האט איר געכאפט, האט ער געזען אז זי איז דארשטיג - האט ער איר אויפגעהויבן, ער האט איר געקארמעט, ער האט איר געגעבן צו טרינקען; "אָה, דאס האסטו געדארפט, איך האב נישט געוואוסט[יג]"...

האט דער אויבערשטער געזאָגט: אהה, דו האסט רחמנות אויף די שעפאלאך? **דו ביסט ראוי צו זיין א מנהיג פאר מיין פאלק** - פאר מיינע טייערע שעפאלאך. איך האב א פאלק וואס וואנדערט ארום אין מצרים, דרייען זיך ארום דארטן "**כַּצֹּאן אֲשֶׁר אֵין לָהֶם רֹעֶה**[יד]" - זיי האבן נישט ווער זאל טראכטן פון זיי, ווער זאל קוקן אויף זיי.

און אזוי איז אויך היינטיגע צייטן - וואס איז נאך ערגער פון מצרים, ס'איז דער '**שער החמישים**[טו]' פון טומאה - מיר געפינען זיך אין אסאך א גרעסערן

---

**יב.** שמות ג,א (וראה בליקו"ה השכמת הבוקר ד,ט"ז)

**יג.** ראה במדרש רבה שמות ב,ב: אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, מִי שֶׁהוּא יוֹדֵעַ לִרְעוֹת הַצֹּאן אִישׁ לְפִי כֹּחוֹ, יָבֹא וְיִרְעֶה בְּעַמִּי. הֲדָא הוּא דִכְתִיב (תהלים עח, עא): מֵאַחַר עָלוֹת הֱבִיאוֹ לִרְעוֹת בְּיַעֲקֹב עַמּוֹ. וְאַף מֹשֶׁה לֹא בְחָנוֹ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶלָּא בַּצֹּאן, אָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ, **כְּשֶׁהָיָה מֹשֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם רוֹעֶה צֹאנוֹ שֶׁל יִתְרוֹ בַּמִּדְבָּר**, בָּרַח מִמֶּנּוּ גְּדִי, וְרָץ אַחֲרָיו עַד שֶׁהִגִּיעַ לַחֲסִית, כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ לַחֲסִית, נִזְדַּמְּנָה לוֹ בְּרֵכָה שֶׁל מַיִם, וְעָמַד הַגְּדִי לִשְׁתּוֹת, כֵּיוָן שֶׁהִגִּיעַ מֹשֶׁה אֶצְלוֹ, אָמַר **אֲנִי לֹא הָיִיתִי יוֹדֵעַ שֶׁרָץ הָיִיתָ מִפְּנֵי צָמָא, עָיֵף אַתָּה, הִרְכִּיבוֹ עַל כְּתֵפוֹ וְהָיָה מְהַלֵּךְ**. אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא, יֵשׁ לְךָ רַחֲמִים לִנְהֹג צֹאנוֹ שֶׁל בָּשָׂר וָדָם כָּךְ חַיֶּיךָ אַתָּה תִרְעֶה צֹאנִי יִשְׂרָאֵל, הֱוֵי: וּמֹשֶׁה הָיָה רוֹעֶה.

**יד.** במדבר כז,טז-יז: יִפְקֹד ה' אֱלֹהֵי הָרוּחֹת לְכָל בָּשָׂר אִישׁ עַל הָעֵדָה: אֲשֶׁר יֵצֵא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יָבֹא לִפְנֵיהֶם וַאֲשֶׁר יוֹצִיאֵם וַאֲשֶׁר יְבִיאֵם וְלֹא תִהְיֶה עֲדַת ה' **כַּצֹּאן אֲשֶׁר אֵין לָהֶם רֹעֶה**: ובמלכים כב, יז: וַיֹּאמֶר רָאִיתִי אֶת כָּל יִשְׂרָאֵל נְפֹצִים אֶל הֶהָרִים **כַּצֹּאן אֲשֶׁר אֵין לָהֶם רֹעֶה**. (וראה בליקו"ה השכמת הבוקר ד,טז ובפלא יועץ ערך רועה)

**טז.** ראה בליקו"ה קריאת שמע ה, טו: **הַגָּלוּת שֶׁל עַכְשָׁו נִמְשָׁךְ מִבְּחִינַת שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים שֶׁל הַטֻּמְאָה** רַחֲמָנָא לִצְלַן, שֶׁמִּשָּׁם אִי אֶפְשָׁר לָצֵאת כִּי אִם בִּישׁוּעַת ה' וְחַסְדּוֹ הַנִּפְלָא וְעַל-כֵּן זֶה

גלות, אויסגעהונגערט, אויסגעדארשט, פארמאטערטע שאף.. מיר ווייסן נישט וואו איין און וואו אויס - וואו מען לויפט, וואו מען קומט און גייט - מיר דארפן א מנהיג; דער אויבערשטער זוכט אויף א מנהיג פאר זיינע שאף...

[אבער] דער אויבערשטער האט שוין אנגעגרייט א מנהיג - דעם הייליגן רבי'ן[טז]!

דאס איז נישט פון היינט - דער רבי האט שוין געשריבן די תורה אינעווייניג, שוין געדרוקט; ס'איז שוין דא די תורה, ס'איז שוין דא די הנהגה, ס'איז שוין דא דער מנהיג - אבער דער מנהיג דארף אריינקומען, ער דארף אריינקומען ביי אונז - ער דארף באקומען א 'הנהגה'.

דער רבי איז זייער גרויס - דער רבי האט געזאָגט אז אלעס וואס משיח קען טאהן פאר כלל ישראל קען ער אויך טאהן, אבער איין זאך: "משיח קען צווינגען, מען מוז אים פאלגן - מיר קענען נישט צווינגען[יז]!" - דער רבי האט נישט באקומען קיין רשות צו צווינגען.

---

**הַגָּלוּת הָאַחֲרוֹן הִכְבִּיד מְאֹד מְאֹד** וּמִתְאָרֵךְ מְאֹד בַּעֲוֹנֵינוּ הָרַבִּים. ובליקו"ה סימני בהמה טהורה ד, יז: וְכָל הַגָּלֻיּוֹת הָרִאשׁוֹנוֹת הָיוּ מִבְּחִינַת הַקְּלִפּוֹת הַנֶּאֱחָזִין בְּמ"ט שַׁעֲרֵי טֻמְאָה [..] אֲבָל זֶה הַגָּלוּת הָאַחֲרוֹן נִסְתָּם קִצּוֹ וְהוּא קֵץ הַפְּלָאוֹת. כִּי מִתְגַּבֵּר, חַס וְשָׁלוֹם, הַשֶּׁקֶר שֶׁנֶּאֱחָז **מִבְּחִינַת שַׁעַר הַחֲמִשִּׁים** שֶׁהוּא כִּמְעַט בְּלִי גְּבוּל. וראה בליקוטי תפילות ל"ו ח"ב: אַתָּה יוֹדֵעַ תֹּקֶף מְרִירוּת הַגָּלוּת הָאַחֲרוֹן הַזֶּה לְהֵיכָן נָפַלְנוּ וְיָרַדְנוּ בַּעֲוֹנוֹתֵינוּ הָרַבִּים, אֲשֶׁר יְרִידָתֵינוּ עֲמֻקָּה יוֹתֵר מִמ"ט שַׁעֲרֵי טֻמְאָה [..] כִּי הַאַף אָמְנָם זֶה הַגָּלוּת הָאַחֲרוֹן הִכְבִּיד, כִּי נָפַלְנוּ וְיָרַדְנוּ לְמָקוֹם שֶׁיָּרַדְנוּ **יוֹתֵר וְיוֹתֵר מִגָּלוּת מִצְרַיִם**. (וראה עוד בליקו"ה שליח לגבות חובו ג,יב)

**טז.** ראה בחיי"מ רנ"ח: פַּעַם אַחַת אָמַר הָיִיתִי סָבוּר שֶׁהַיֵּצֶר הָרָע שֶׁלִּי אוֹמֵר לִי שֶׁאֵין מִי שֶׁיּוּכַל לְהַנְהִיג אֶת בְּנֵי הַנְּעוּרִים כָּמוֹנִי, עַכְשָׁו אֲנִי יוֹדֵעַ בְּבֵרוּר שֶׁאֲנִי מַנְהִיג הַדּוֹר יְחִידִי בָּעוֹלָם "**אַז אִיךְ בִּין אֵיין מַנְהִיג**" וְאֵין מַנְהִיג כָּמוֹנִי. וראה בכוכ"א שו"ס נ"ט: וְאָמַר אָז לַחֲתַן הַמַּגִּיד מִטֶּירָהאוֹוְצִי הֲלֹא אֲנִי מֵבִין עַל גּוּטִין יוּד (אַדְמוּ"ר) שֶׁהִשְׁלַכְתִּי כָּל הַמְפֻרְסָמִים, וְקֵרַבְתִּי אֶת עַצְמִי לְיוּנְגִיל (לְבָחוּר) קֹדֶם הַחֲתֻנָּה, כִּי נִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל קֹדֶם חֻפָּתוֹ, **זָאג אִיךְ דִּיר אַז הַיְינְט אִיז עֶר דֶער מַנְהִיג הַדּוֹר** (אֲנִי אוֹמֵר לְךָ שֶׁהַיּוֹם הוּא הַמַּנְהִיג הַדּוֹר).

**יז.** ראה בחיי מוהר"ן רס"ו: אָמַר כָּל מַה שֶּׁמָּשִׁיחַ יַעֲשֶׂה טוֹבוֹת לְיִשְׂרָאֵל אֲנִי יָכוֹל לַעֲשׂוֹת, רַק שֶׁהַחִלּוּק הִיא שֶׁמָּשִׁיחַ יִגְזֹר אֹמֶר וְיָקוּם אֲבָל אֲנִי (וּפָסַק וְלֹא דִּבֵּר יוֹתֵר. נֹסַח אַחֵר: אֲבָל אֲנִי אֵינִי יָכוֹל לִגְמֹר עֲדַיִן. יֵשׁ נֻסְחָא כָּזוֹ: **אֶצְלִי עֲדַיִן יֵשׁ בְּחִירָה**, אֲבָל אֵצֶל מָשִׁיחַ כְּבָר לֹא יִהְיֶה בְּחִירָה כְּלָל)

דער רבי קען העלפן אלעמען אבער יעדער איינער נאר וויפל ער וויל.. - דער רבינ'ס הנהגה איז אַזאַ מין הנהגה וואס ס'האט נאר מיט וויפל רצון און בחירה א מענטש האט[יח].

## גיוואלד! מ'גייט דן זיין דעם רבי'ן...

איז אז ס'קומט יעדע יאר א ר"ח ניסן - גיבט מען דער רבי'ן א הנהגה.

איי, דעם מנהיג.. מען קומט, מען הויבט אָן רעדן וועגן רבי'ן'ס גרויסקייט, מען הויבט אָן דן זיין וואספארא 'הנהגה' מען זאל אים געבן; "אַה, אַזאַ מנהיג.. ס'קומט זיך אים אזא הנהגה, ער קען, ער קען פירן גאנץ כלל ישראל!"

אבער פּאוואלע פּאוואלע, מען שרייט: "ניין, מען קען אים נישט געבן, ער קען טאַקע, ער טויגט טאקע - אבער מען קען אים נישט געבן קיין הנהגה וואס ער זאל צווינגען, מען קען אים נאר געבן וויפל יעדער איינער וויל; וויפל מען וויל אים אזוי פיל מנהיג וועט ער ווערן!"

מען פסק'נט אויס דעם רבינ'ס הנהגה לויט אונז, לויט "**וכל העם אשר לרגליך ההולכים אחר עצתך**". ווי דער רבי זאגט דא שפּעטער - "**ואז ממנים**

---

**יח.** ראה בחיי"מ קצ"ז. וראה הסיפור מצדיק שיכול לעזור לבעל בחירה (מכתבי שמואל א, ס"ז).

וראה בליקו"ה שלוחין ה,ז: **כִּי לְבַעַל בְּחִירָה קָשֶׁה מְאֹד מְאֹד לַעֲזֹר** כִּי אִם בְּחַסְדֵי ה' הַנִּפְלָאִים מְאֹד מְאֹד שֶׁמַּמְשִׁיכִין הַצַּדִּיקֵי אֱמֶת אֲבוֹת הָעוֹלָם שׁוֹכְנֵי הֶעָפָר בְּכָל יוֹם וְכוּ', אֲבָל צְרִיכִין לָזֶה עַל כָּל פָּנִים אֵיזֶה **אִתְעָרוּתָא דִּלְתַתָּא**. (וראה שם עוד באות י"ט ובליקו"ה חול המועד ד,יד ועוד). וראה בליקו"ה דברים הנוהגים בסעודה,י"ד סיבת הדבר: כִּי הָאָדָם הוּא בַּעַל בְּחִירָה וּבְוַדַּאי יֵשׁ כֹּחַ בְּיַד הַצַּדִּיק לִטֹּל הַבְּחִירָה מֵהָאָדָם וּלְהַחֲזִירוֹ בִּתְשׁוּבָה, **אֲבָל אֵין זֶה תִּקּוּן מֵאַחַר שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה תְּשׁוּבָה בִּבְחִירָתוֹ**, וְעִקַּר הַתִּקּוּן שֶׁהַצַּדִּיק מְגַלְגֵּל עִמּוֹ כָּל כָּךְ בִּדְרָכִים נִפְלָאִים עַד שֶׁזּוֹכֶה לְהַטּוֹת לְבָבוֹ אֵלָיו יִתְבָּרַךְ עַד שֶׁשָּׁב מֵעַצְמוֹ לַה' יִתְבָּרַךְ. וראה בעלים לתרופה מכתב רמ"ב: כִּי בְּוַדַּאי אֵלּוּ הַמְחֻזָּקִין בְּעַצְמָן בְּוַדַּאי הוּא רַק בְּכֹחַ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ שֶׁמֵּאִיר בְּלִבּוֹ הִתְחַזְּקוּת עַל יְדֵי הַצַּדִּיק הָאֱמֶת שֶׁעַל יָדוֹ כָּל הַהִתְחַזְּקוּת, וְאִם כֵּן הַכֹּל מִמֶּנּוּ יִתְבָּרַךְ וּמֵהַצַּדִּיק הָאֱמֶת. **אַף עַל פִּי כֵן הָאָדָם הַבַּעַל בְּחִירָה בְּהֶכְרֵחַ שֶׁיִּתְחַזֵּק בְּעַצְמוֹ, וְלֹא יִהְיֶה שְׁלִימַזְלְנִיק חַס וְשָׁלוֹם.**

**כל המלכים למעלה, ובוודאי נותנים מתנות לכל אחד ואחד שממליכים אותו"** – די מלכים טיילן מתנות פאר די מענטשן וואס זענען זיי ממליך אויף זיך. דאס הייסט אז דער מלך קען געבן מתנות פאר יעדער איינער לויט וויפל דער מענטש איז ממליך דעם רבי'ן אויף זיך.

יעדער איינער נעמט אָן אויף זיך דעם רבי'ן פאר א מלך, און וויפל ער וויל אז דער רבי זאל אים פירן אזוי פיל פסק'נט מען דעם רבי'ן זאל אים פירן, און אזוי פיל באקומט ער מתנות צו טיילן – און אזוי פירט ער דעם מענטשן.

זאגט דער רבי אז מען דארף וויינען **'בדמעות שליש'** - פארוואס טאַקע דארף מען וויינען בדמעות שליש? ווייל ס'ווענדט זיך אלעס אין אונז! מען דארף וויינען צום אויבערשטן אז **מיר** זאלן וועלן - מען דארף וויינען צום אויבערשטן אז מיר זאלן וועלן דעם רבי'ן פאר א מנהיג!

יעדער איינער דארף זיך פאר זיך אליין מפשפש זיין 'וויפל, וויפל וויל איך דעם רבי'ן פאר א מנהיג?!' - העלף מיר רבוש"ע, האב שוין רחמנות אויף מיר, אז איך זאל מער וועלן דעם רבי'ן פאר א מנהיג - איך זאל מער וועלן דער רבי זאל מיר פירן.

איך זאל מער וועלן הערן וואס דער רבי רעדט, איך זאל באמת זיך מער מחייה זיין מיט יעדן דיבור פון רבי'ן. דער רבי זאל זיין מיין מנהיג און איך זאל זיין דער פאלק - איך זאל זיין דער מענטש וואס פאלגט דעם רבי'ן.

יעדער איינער קען זיך אויסקלייבן וויפל דער רבי איז פאר אים 'מנהיג' - וויפל דער רבי איז רבי און וויפל ער איז תלמיד; דער רבי גייט ווערן **רבי**, און איך גיי ווערן **תלמיד!**

רבוש"ע העלף מיר זאל איך זוכה זיין צו 'ראש חודש ניסן', אז איך זאל זוכה זיין צו ווערן א אמת'ער תלמיד פון רבי'ן, א אמת'ער תלמיד פון רבי'ן! רבוש"ע נאר דו קענסט מיר העלפן, העלף מיר איך זאל ווערן א תלמיד פון רבי'ן - דער רבי זאל זיין מיין רבי!

דער רבי איז א גרויסער רבי - דער רבי קען יעדן איינעם לערנען, אבער דער רבי קען נאר לערנען וויפל מען וויל לערנען פון אים - איז העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו וועלן לערנען פון רבי'ן!

## וואס שטערט דער רבי זיין 'מלך'?

נו, זאגט א מענטש: פארוואס זאל איך נישט וועלן לערנען - יעדער איינער וויל לערנען פון רבי'ן - פארוואס זאל איך נישט וועלן לערנען פון רבי'ן?

וואס איז דער עיקר מניעה וואס לאזט נישט פאר א מענטשן לערנען פון רבי'ן? - יעדער איינער איז מסכים אז דער רבי זאל אים לערנען, **כל טוב שבעולם איז ער מסכים אז דער רבי זאל אים לערנען.** אבער וואו איז די מניעה וואס לאזט נישט - וואס דאס דארף מען אויסבעטן?!

דער עיקר איז, אז א מענטש וואס ער איז - אַוואו ער געפינט זיך, און ער האלט אז ער איז שוין א 'בעל נסיון' אין דעם פלאץ. א מענטש איז שוין געפאלן טויזנטער מאלן, און ער זאגט: 'דא בין איך אליין א בעל נסיון, אויף מיין פעקל בין איך אליין א 'מבין', דא קען מען מיר גארנישט מחזק זיין - דא קען קיינער נישט, מיין מצב ס'איז א עקסטערע מצב'.

דארפן מיר דארטן - טאַקע דער רבי קען נישט צווינגען א מענטשן - אבער מען דארף בעטן דעם אויבערשטן אז דער רבוש"ע זאל רחמנות האבן אויף מיר, אז איך זאל וועלן הערן **אויך דארטן** וואס דער רבי זאגט מיר.

דער רבי זאגט אין א פלאץ[יט] **"אל תהי רשע בפני עצמך"** - מען טאר נישט זיין קיין רשע פאר זיך אליין; ביסט א רשע? א רשע דארף אויך א רבי'ן! 'אל תהי רשע בפני עצמך' - **זיי נישט קיין רשע פאר זיך אליין!**

**יט.** בחיי מוהר"ן תר"ה וזל"ש: שָׁמַעְתִּי בִּשְׁמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שֶׁאָמַר אֲפִלּוּ אִם אֵינוֹ אִישׁ כָּשֵׁר אַף־עַל־פִּי־כֵן טוֹב לוֹ מְאֹד מַה שֶּׁמִּתְקָרֵב עַצְמוֹ לְהַצַּדִּיק. וְעַל זֶה הִזְהִיר הַתַּנָּא (אָבוֹת ב): **'וְאַל תְּהִי רָשָׁע בִּפְנֵי עַצְמְךָ'**, שֶׁאֲפִלּוּ אִם הוּא רָשָׁע חַס וְשָׁלוֹם לֹא יִהְיֶה רָשָׁע בִּפְנֵי עַצְמוֹ, רַק הוּא גַּם הוּא יִשְׁתַּדֵּל לְהִתְקָרֵב לְהַצַּדִּיק כְּדֵי שֶׁיִּהְיֶה לוֹ אֵיזֶה אַחֲרִית וְתִקְוָה עַל־כָּל־פָּנִים.

א מענטש זאגט: הער זיך איין, אין רשעות בין איך דער מבין, דער רבי איז א מבין אין צדקות אבער איך בין דאך א מבין אין רשעות! איך פארשטיי אין רשעות - וואס זאל איך טאהן, איך האב שוין געזען ווי אזוי, וויפיל איך בין געפאלן - איך האב שוין געזען אז ס'איז נישטא קיין תקווה.

איך האב שוין געזען אז די זאך, דער נושא, רירט מען נישט אָן. דאס איז שוין עֶדְיוֹ – אזוי ווי ס'איז דא 'עֶדְיוֹ לגאון', איז דאס שוין "**עֶדְיוֹ לִבְלוֹם**"[כ]... דאס איז שוין א פארמאכטע זאך, דא איז שוין נישטא, דאס איז **עדיו ליאוש**, דער ענין איז שוין א פארפאלענער; געענדיגט, דער ענין איז געענדיגט.

וואס זאל איך טאהן - דא זוך איך זיך נישט קיין רבי'ן. דא בין איך אליין דער רבי - דא פארשטיי איך א מציאות; א פאקט איז א פאקט - מען קען זיך נישט דינגען אויף קיין פאקטן.. מען קען נישט אריינמישן רבי'ס אויף פאקטן - רבי'ס קענסטו פרעגן שאלות, אז ס'איז דא א 'ספק' איז דא א 'הוראה', אבער איך האב נישט קיין ספק.

דא האב איך נישט וואס צו פרעגן, וואס איז דא צו הערן? ס'איז קלאָר, ס'איז פשוט - דער ענין איז שוין דורכגעפאלן. ס'איז שוין נישטא וואס צו רעדן דא, פאר מיר איז שוין פארמאכט די טיר, פאר מיר איז שוין פארמאכט יענע טיר - ס'איז שוין דערנאָך!

און בכלל, מיין טאג איז שוין א אויסגעטראטענער טאג. ס'איז דא דברים ברורים - 'דאס קען זיין, דאס קען נישט זיין' - און מען האט געענדיגט. ס'איז אלץ נאר אביסל רעכטס אדער אביסל לינקס - דאס איז די גאנצע שאלה, נישטא דא וואס צו צולייגן! נישטא דא וואס צו משַנה זיין, נישטא דא וואס צו משנה זיין..

- **איז ווער איז די מניעה?** דער רבי איז די מניעה?!

בעט דעם אויבערשטן: רבוש"ע העלף מיר איך זאל זוכה זיין, 'איך' זאל זוכה זיין צו זיך צוהערן און געבן דעם רבין, געבן דעם רבי'ן א 'קרעדיט' -

---

**כ.** תהילים לב, ט

גלייבן דעם רבי'ן! דער רבי זאגט דיר: קענסט נאך זוכה זיין צו די גרעסטע זאכן, קענסט נאך פארעכטן די ערגסטע זאכן.

קענסט נאך זוכה זיין צו די גרעסטע זאכן: קענסט נאך יעדן טאג אריינכאפן זאכן וואס דו קענסט זיך נישט פארשטעלן פון פארדעם; וואספארא זאכן דער רבי וויל דיר מזכה זיין...

אין יעדער דיבור פון רעב'ן קענסטו אנהויבן הערן איבער א נייעס דעם רעב'ן. קענסט איבער א נייעס ווערן א 'תלמיד' ביים רעב'ן - דער רבי זאל רעדן צו דיר אין יעדער זאך, וועסטו אנהויבן ווערן א תלמיד.

מ'דארף בעטן דעם אויבערשטן: רבוש"ע העלף מיר זאל איך זוכה זיין צו מאכן פלאץ פארן רבי'ן, זאל איך זוכה זיין צו ווערן א ברסלב'ער חסיד. זאל איך זוכה זיין צו ווערן א ברסלב'ער חסיד; אין יעדער זאך זאל איך זיך צוהערן צו דעם רבי'ן.

נישט פירן מיט קיין יאוש מיין שטעטל און זאגן: 'דאס נישט, און דאס נישט און דאס נישט - דאס קען שוין נישט אנדערש ווערן און זיין'.. נאר זיך צוהערן צו יעדן דיבור, יעדע רגע הערן איבער א נייעס וואס דער רבי זאגט, גלייבן אז דעם רבינ'ס גרויסקייט קען אנקומען צו מיין קליינקייט [כא].

דער רבי איז א גרויסער רופא - איך בין טאַקע א '**חולה הגדול ביותר**' אבער דער רבי איז א '**רופא הגדול ביותר** [כב]'! דער רבי קען, ער קען אנקומען צו מיר! דער רבי קען אויך 'מחלקת גריאטריה'; אויך פאר אלטע מענטשן וואס זיי האלטן אז זיי זענען שוין אנגעזעצט...

---

**כא.** ראה כעי"ז בשיש"ק הישן ח"ב תקע"ח: מוֹהַרְנַ"תְּ אָמַר פַּעַם לְאַנַ"שׁ: "**אַייעֶר קְלֵיינִיגְקֵייט זָאל נִישְׁט פַּארְשְׁטֶעלְן דֶעם רֶעבִּינְס שֵׁיינְקַייט**" - "צְרִיכִים אַתֶּם לְהִזָּהֵר שֶׁהַקַּטְנוּת שֶׁלָּכֶם לֹא תַסְתִּיר וְתַעֲלִים אֶת יוֹפְיוֹ שֶׁל רַבֵּנוּ".

**כב.** ראה ליקוטי מוהר"ן תורה ל

דער רבי קען אויך אויף 'אלטווארג'[כג] - הגם איך בין שוין א אלטער איד פון פינף און צוואנציג יאר (!) און ס'איז שוין 'איך!' - וואס איז שייך צו זאגן, איך האב אזוי פיל 'פראקטיק' - איך האב שוין געזען; איך ווייס שוין ווער איך בין.

דער רבי קען אויך אויף א 'אלטווארג יונגווארג' - יונגווארג מיט 'אלטווארג'. מיט אלטע יונגע און מיט יונגע אלטע - דער רבי קען אויף אלעמען!

ער קען אויך געבן פאר אלטע אידן וואס האבן פרישע תאוות, און אויך פאר יונגע יונגעלייט וואס זענען שוין אלטע אידן.. פאר אלעמען קען דער רבי! דער רבי האט א שפראך צו יעדן איינעם[כד]!

קומט א יונגערמאן - ער זאגט ער קען נישט, ער האט אזעלכע ברענענדיגע תאוות: 'ווער? ווער קען אים אפשטעלן אינמיטן, ער איז א 'טרקטור'.. ווער קען, ווער קען?' - ער פילט זיך ווי א 'ווספה' מיט זיינע תאוות; ווער קען זיך אריינשטעלן דארט אינמיטן: 'ווער קען אים אפשטעלן בכלל? ווער קען רעדן א וואָרט דארטן?!'

דער רבי! - דער רבי האט וואס צו רעדן!

---

**כג.** ראה בליקו"ה ר"ח ז, י"ז: הַיֵּצֶר הָרָע נִקְרָא מֶלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל, כִּי זֶה כְּלַל הַהִתְרַחֲקוּת מֵה' יִתְבָּרַךְ, רַחֲמָנָא לִצְלַן, שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד מִגָּדוֹל וְעַד קָטָן הָעִקָּר הוּא עַל-יְדֵי זִקְנָה דְּסִטְרָא אָחֳרָא **מַה שֶּׁנִּדְמֶה לְכָל אֶחָד כְּאִלּוּ הַכֹּל מִתְנַהֵג כַּסֵּדֶר וְהוּא כְּבָר זָקֵן בִּדְרָכָיו וְכוּ' וְאִי אֶפְשָׁר לוֹ לָשׁוּב מֵהֶם**, כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב, "לֹא יַאֲמִין שׁוּב מִנִּי חֹשֶׁךְ". וְהַכֹּל עַל-יְדֵי שֶׁמַּפִּיל עָלָיו זִקְנָה הַמֶּלֶךְ זָקֵן וּכְסִיל, שֶׁהוּא הַיֵּצֶר הָרָע כַּנַּ"ל. וְעַל-כֵּן כָּל הַתִּקּוּן עַל-יְדֵי **הַצַּדִּיקִים הַחֲכָמִים אֲמִתִּיִּים הַמִּתְחַדְּשִׁים כַּנֶּשֶׁר וְכוּ'** בִּבְחִינַת וְקוֵֹי ה' יַחֲלִיפוּ כֹחַ.

**כד.** ראה ליקו"ה תפילת המנחה ז, י"ט: כִּי כָּל עֲבוֹדַת הַצַּדִּיק לְגַלּוֹת מַלְכוּתוֹ לְכָל בָּאֵי עוֹלָם **לְמִגָּדוֹל וְעַד קָטָן מֵרוּם כָּל דַּרְגִּין עַד סוֹף סוֹף כָּל דַּרְגִּין**, לְהוֹצִיא אֲפִלּוּ הַנְּשָׁמוֹת וְהַנִּיצוֹצוֹת שֶׁנָּפְלוּ לְמָקוֹם שֶׁנָּפְלוּ לְבָרְרָם וּלְקַבְּצָם וּלְטַהֲרָם וּלְזַכְּכָם וְכוּ'. וראה בעל"ת מכתב קע"ג: בְּדַרְכֵי נִפְלְאוֹתָיו **מַמְשִׁיךְ קִיּוּם הַתּוֹרָה בְּכָל אִישׁ וְאִישׁ מִיִּשְׂרָאֵל מִגָּדוֹל וְעַד קָטָן**; מְעוֹרֵר יְשֵׁנִים מֵקִיץ נִרְדָּמִים, מְחַיֶּה מֵתִים מַמָּשׁ, מַגְבִּיהַּ לְמַעְלָה נַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל מִשְּׁאוֹל תַּחְתִּיּוֹת וּמִתַּחְתָּיו, לְנַטּוֹתָם לִתְחִיָּה לְזַכּוֹתָם לְחַיִּים נִצְחִיִּים.

קומט איינער א אלטער, ער זאגט אז ער האט שוין א 'כבדות' און ער רוקט זיך נישט פון פלאץ - ער קען זיך שוין נישט בייטן. ער קען שוין נישט, וואס איז שייך צו זיך טוישן?!

דער רבי! - **דער רבי קען דיר מאכן א נייער מענטש!** דער רבי זאגט דיר "**עוֹד יְנוּבוּן בְּשֵׂיבָה**[כה]" - דער רבי קען דיר מאכן א נייער מענטש; יעדע רגע פריש, יעדע רגע א אנדער מענטש אינגאנצן...

איז זאגסטו אז דו, דו ביסט צו א שווערער חולה פאר אים.. בסדר, אבער דו נעמסט נישט אַראָפּ פון דיין טיטל - **נעמסט אראפ פון רבינ'ס טיטל!** זאגסט אז ער איז נישט אַזאַ דאקטער פאר אַזאַ חולה, איז סך הכל רעדסטו וועגן אים - האסטו באזייטיגט דעם רבין[כו]...

## 'וויפל' רבי ווילסטו?

דארף מען בעטן דעם אויבערשטן אז **איך** זאל מאכן פלאץ פארן רבי'ן. איך זאל געבן א פלאץ פארן רבי'ן - גלייבן דעם רבי'ן, מפרסם זיין דעם רבין; וואס דער רבי קען מאכן מיט יעדער איינער פון אונז[כז]!

---

**כה.** תהילים צב, טו. [וראה ביקרא דשבתא תורה ס"ו: וזה עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו **כי כל מה שמזקינים ומוציאים מכח אל הפועל ביותר הם מוסיפים כח וזוכין לינק ולקבל חיות חדש** מבחינת הרוח דלעילא [..]ועל ידי זה זוכין להוציא מכח אל הפועל ביותר.]

**כו.** ראה בליקו"ה פקדון ה,ז וזל"ש: כַּאֲשֶׁר מָצוּי נֶגַע הַמִּסְפַּחַת הַזֹּאת בְּכַמָּה בְּנֵי אָדָם שֶׁהֵם כְּשֵׁרִים קְצָת וּמַתְחִילִים לְהִתְקָרֵב לְאַנְשֵׁי אֱמֶת לַחֲכָמִים וּכְשֵׁרִים אֲמִתִּיִּים, אֲבָל אוֹמְרִים [..] **מַה מּוֹעִיל לִי כִּי אֲנִי יוֹדֵעַ חֶסְרוֹנִי בְּנַפְשִׁי שֶׁאֲנִי מָלֵא חֲטָאִים וַעֲוֹנוֹת וּפְגָמִים** וְעַל יְדֵי זֶה נוֹפֵל חַס וְשָׁלוֹם, וּמִתְרַחֵק לְגַמְרֵי חַס וְשָׁלוֹם [..] נִמְצָא שֶׁכָּל פְּגָמוֹ בֶּאֱמוּנַת חֲכָמִים, עַל יְדֵי שֶׁלֹּא הֶאֱמִין בְּעַצְמוֹ, כִּי מִי שֶׁרוֹצֶה לָחוּס עַל חַיָּיו צָרִיךְ לְבַקֵּשׁ מֵה' יִתְבָּרַךְ עַד שֶׁיִּתְחַזֵּק בֶּאֱמוּנַת חֲכָמִים כָּל כָּךְ עַד שֶׁיַּאֲמִין גַּם בְּעַצְמוֹ, דְּהַיְנוּ שֶׁיַּאֲמִין בְּגֹדֶל כֹּחַ צִדְקָתָם שֶׁל הַצַּדִּיקִים אֲמִתִּיִּים עַד **שֶׁבְּוַדַּאי יְתַקְּנוּ גַּם אוֹתוֹ וְיַעֲלוּ אוֹתוֹ מַעְלָה מַעְלָה** אִם יֹאחֵז עַצְמוֹ לִהְיוֹת דָּבוּק בָּהֶם כָּל יְמֵי חַיָּיו.

**כז.** ראה חיי"מ שי"ב

אסאך בעטן דעם אויבערשטן בדמעות שליש: ס'גייט יעצט זיין, ס'גייט יעצט גיין - ס'איז א טאג, א טאג פון 'ראש חודש ניסן' - וואס מען איז דן, מען איז ממנה מלכים, מען איז דן, יעדן איינעם איז מען דַן - מען איז דַן דעם רבי'ן, מען איז אים דַן וויפל מלוכה ער זאל באקומען.

מען איז אים דַן לויט אונזער החלטה - מיר זענען די 'ממליכים'! מיר זענען די זט"ו! מיר זענען מחליט צו מיר נעמען אים ארויף; וויפל, וויפל 'מאן דאמר' גייט ער זיין ביי אונז אין שטעטל, בכלליות און אויך בפרטיות. און בעיקר בפרטיות: וויפל, וויפל מען לאזט אריין דעם רבי'ן - אז דער רבי זאל קענען ווערן דא א רבי.

דארף מען שרייען אסאך צום רבוש"ע אז אונז זאל נישט זיין די 'מניעה', איך זאל נישט זיין די מניעה פארן רבי'ן. דער רבי זאל קענען איבערנעמען, זאל ער קענען איבערנעמען דעם גאנצן ענין - זאל ער מיר איבערנעמען אינגאנצן! זאל ער איבערנעמען מיין הארץ..

דער רבי זאגט[כח] "**תנו לבבכם לי** - געבט מיר אוועק אייער הארץ - **ואוליך אתכם על דרך חדשה**" - א נייעם וועג - אבער געבט מיר נאר איבער אייער הארץ!

א מענטש האט מורא צו איבערגעבן זיין הארץ, ער האלט זיין הארץ, ער האלט עס צו.. ער האט שוין א 'מושכל ראשון' אין יעדן זאך; 'דא האלט ער אזוי און דא האלט ער אזוי' - **געב דעם רבין די הארץ!**

דער רבי וועט דיר פירן; ווי צו טראכטן, ווי צו שפירן, און ווי צו זיך ווענדן אין יעדן ענין – לאז נאר דעם רבי'ן! דער רבי האט פאר דיר א הארץ, דו

**כח.** ראה בחיי"מ נ"ט ובהשתפכות הנפש בהקדמה וזל"ש: וְאָמַר פַּעַם אַחַת לַאֲנָשָׁיו: **תְּנוּ לְבַבְכֶם לִי וְאוֹלִיךְ אֶתְכֶם עַל דֶּרֶךְ חָדָשׁ** שֶׁהוּא הַדֶּרֶךְ הַיָּשָׁן שֶׁדָּרְכוּ בּוֹ אֲבוֹתֵינוּ מֵעוֹלָם.

ווייסט? דו קענסט זיך אפילו נישט פארשטעלן וואס א הארץ דער רבי קען פון דיר מאכן[כט]!

וואס דער רבי קען מאכן פון א הארץ פון א אידן - ער קען עפענען א הארץ; א הארץ פון שמחה, א הארץ פון בכיה, א הארץ פון אמונה, א הארץ פון בטחון, א שטארקע הארץ, א ווייכע הארץ - א הארץ! א אידישע הארץ...

'**לב איש הישראלי**[ל]' - וואס קען ברענען און ברענען און ברענען און זיך מצמצם זיין און טאהן גוטע זאכן; עובדות און קבלת מלכות שמים.

דער רבי נעמט א הארץ, ער באארבעט די הארץ[לא] - מען דארף (נאר) איבערגעבן דעם רבי'ן די הארץ!

אבער דאס אלעס גייט יעצט אהין די החלטה ב'**יום הבחירות - ר"ח ניסן**', יעדער איינער האט א 'זכות בחירה' - יעדער איינער דארף זאגן זיין וואָרט, מען וואַרט פון יעדן איינעם צו הערן זיין וואָרט.

ס'גייט קומען ר"ח ניסן פרעגט מען יעדן איינעם: "**וויפל?**"

וויפל רבי'ן? וויפל?! - וויפל פראצענט פון דיין הארץ לאזסטו אריין דעם רבין?

וויפל לאזסטו אריין דעם רבין זיין א מנהיג און וויפל לאזסטו אים בלייבן א גאסט; וויפל לאזסטו אים פון אויבן - לאזסט אים נישט אריין.. וויפל פארשטייפסטו זיך צו אים - וויפל נעמסטו דעם רבין אריין דא.

---

**כט.** ראה חיי"מ של"ט ובכוכ"א שו"ש תפילה ה: **הֲיֵשׁ לֵב אֶבֶן בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא יִהְיֶה בִּיכָלְתְּךָ לְהַפְכוֹ לְלֵב בָּשָׂר**: הֲיֵשׁ לֵב נָבוֹךְ בָּעוֹלָם שֶׁלֹּא יִהְיֶה בִּיכָלְתְּךָ לַעֲקֹר מֵאִתָּהּ כָּל הַמְּבוּכוֹת, וּלְהַפְּכָהּ לְלֵב יָשָׁר. (וראה בליקו"ה דם א, י)

**ל.** ראה ליקו"מ תורה מ"ט ובעל"ת קמ"ח

**לא.** ראה חיי"מ של"ט

ס'איז א טאג א '**יום גורלי**' - ס'איז א יום הדין, ס'איז א ראש השנה, ס'איז א ר"ה - אבער דעם רבי'ן איז מען דן! אוי ווי, ס'איז ראש השנה...

עס איז דא צוויי ראש השנה'ס: עס איז דא ראש השנה א' תשרי - דעמאלס איז מען אונז דן, דעמאלס מאכט דער צדיק ראש השנה, דער רבי איז אונז דן[לב]. אבער א' ניסן איז מען דן דעם רבי'ן, און מיר זענען די שופטים, מיר זאגן וויפל רבי, 'וויפל רבי ווילן מיר' - מיר זענען מחליט.

דארף מען וויינען מיר זאלן נישט רעדן קיין שטותים ב'יום הבחירות' - זאל מען נישט רעדן קיין שטותים.. מיר זאלן זאגן: **'ואנו, אנחנו העם אשר לרגליך ההולכים אחר עצתך'** בדמעות שליש.

זאל מען וועלן וויינען: "רבוש"ע איך וויל דעם רבי'ן פאר א רבי'ן, איך וויל דעם רבי'ן, איך וויל! - גענוג! גענוג שוין מיט די הפקרות; איך האב שוין נישט קיין כח צו די הנהגה ביז היינט...

[ביז היינט, פירט דער אויסגעקליבענער פון די דריי בחירות'ן, אַזאַ 'פורים המשולש' האט עס, אַזאַ אויסגעקליבענער מנהיג.. ער פירט אונז, פורים פאר די גאנצע מדינה מאכט ער...]

רבוש"ע איך וויל דו - איך וויל אז דו זאלסט מיר ברענגען א מנהיג! א אמתער מנהיג, ער זאל מיר אנפירן, ער זאל מיר אנהויבן פירן - איך זאל לעבן אין א מדינה מיט א אמת'ע מלכות, א אמת'ע..

**"א נארישע מדינה מיט א קלוגע מלכות**[לג]" - א קלוגע מלכות.. איך וויל האבן אויף זיך א קלוגע מלכות וואס פירט מיר, נישט א קלוגע לאנד מיט א נאַרישע מלכות; נישט די נארישע מלכות!

[דאס איז דער מצב דא אין ארץ ישראל: א קלוגע לאנד פון קלוגע אידן - ארץ ישראל'דיגע אידן - אבער די מלכות איז נאריש! ווער ס'איז מער

---

**לב.** עיין בליקו"מ תורה א' תנינא ובליקו"ה על התורה.

**לג.** ראה סיפורי מעשיות מעשה י"א מבן המלך ובן השפחה שנתחלפו

'מקורב למלכות' איז א גרעסערער נאר, ווער ס'האט מער שייכות מיט די מלכות איז ער א גרעסערער נאַר, ווער ס'פירט זיך מער על פי מלכות איז א גרעסערער נאַר.

די גרעסטע טיפשות וואס איז דא אין 'מדינה' ליגט ביי די מלכות. די מענטשן בוודאי זענען וואילע אידן, אבער די מלכות איז פארפוילט - כולו חניפה, כולו זרוע, כולו שקר! אין וואָרט מיטן צוווייטן קלעפט נישט.. - דאס קערט איבער אלעס.]

אבער מיר ווילן האבן א אמת'ן מנהיג, מיר ווילן זוכה זיין צו א אמת'ן מנהיג - אז איך זאל זיין דער נאַר און דער מנהיג (איז) דער קלוגער.

ארומגיין ווי א נאַר; אַה, איך האב א גוטן מנהיג, איך האב א גוטן מנהיג - איך בין דער 'נאַר' - איך לייג אוועק מיין שכל!

## דער רבי רעדט צו מיר אין יעדע זאך

דער רבי רעדט צו מיר א גאנצע צייט[לד]: דער רבי רעדט צו מיר ווי מען עסט, דער רבי רעדט צו מיר ווי אזוי מען ברענגט פרנסה. דער רבי רעדט צו מיר ווי אזוי מען לערנט, דער רבי רעדט צו מיר ווי אזוי מען דאוונט.

דער רבי רעדט צו מיר ווי אזוי מען שטארקט זיך נאך א ירידה, דער רבי רעדט צו מיר ווי אזוי מען שטארקט זיך נאך 'זיבן ירידות' - ווי אזוי מען

**לד.** ראה לשונו הזהב של מוהרנ"ת בעלים לתרופה מכתב קס"א: כִּי כָּל יִשְׁעוֹ וְכָל חֶפְצוֹ וְכָל מְגַמָּתוֹ שֶׁתִּזְכּוּ לֵילֵךְ עִם דְּבָרָיו, הַיְנוּ לְקַיְּמָם כִּפְשׁוּטָם, וּלְהָבִין דָּבָר מִתּוֹךְ דָּבָר, **וְלִמְצֹא לְעַצְמוֹ עֵצוֹת בְּכָל יוֹם וּבְכָל עֵת בְּכָל מַה שֶּׁעוֹבֵר עַל הָאָדָם בְּכָל עֵת וּזְמַן** בַּיּוֹם וּבַלַּיְלָה, בְּשָׁכְבּוֹ וּבְקוּמוֹ, וּבְלֶכְתּוֹ בַּדֶּרֶךְ, בִּימֵי נְעוּרָיו, וּבִימֵי בַּחֲרוּתוֹ וּבִימֵי זִקְנוּתוֹ מִתְּחִלָּתוֹ וְעַד סוֹפוֹ. הֵן בֵּינוֹ לְבֵין עַצְמוֹ, הֵן בְּהַנְהָגָתוֹ עִם בֵּיתוֹ וְאִשְׁתּוֹ וּבָנָיו, וּבְהַנְהָגָתוֹ עִם בְּנֵי אָדָם הַקְּרוֹבִים וְהָרְחוֹקִים הָאוֹהֲבִים וְהַשּׂוֹנְאִים חַס וְשָׁלוֹם וְכוּ' וְכוּ', **אֵין דָּבָר וְאֵין עִנְיָן שֶׁלֹּא נוּכַל לְהוֹצִיא וְלִמְצֹא לְעַצְמֵנוּ עֵצוֹת נְכוֹנוֹת וּדְרָכִים יְשָׁרִים בְּכָל דָּבָר אֵיךְ שֶׁהוּא**, בִּבְחִינַת יְרִידָה חַס וְשָׁלוֹם וּבְחִינַת עֲלִיָּה, בְּכָל מִינֵי דְּרָגוֹת וְעִנְיָנִים שֶׁהָאָדָם עוֹמֵד בָּהֶם. [...] הַכֹּל נִמְצָא בְּתוֹךְ תּוֹרָתוֹ וּמַעֲשִׂיּוֹתָיו וְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים.

האלט זיך אין איין שטארקן, ווי אזוי מען הערט זיך נישט אויף צו שטארקן. ווי אזוי מען כאפט אריין, ווי אזוי מען האט א 'טוב עין' - אויף זיך און אויף אנדערע.

ווי אזוי נעמט מען אויף א נייעם טאג מיט א שמחה, און ווי אזוי גייט מען בשמחה א גאנצן טאג. ווי אזוי נעמט מען אויף א יו"ט מיט א שמחה, א שבת מיט א שמחה.

ווי אזוי לעבט מען מיט א 'אידישע שטוב'; לעבן מיט א אידישע שטוב, זיך פרייען מיט א אידישע שטוב. יעדער איינער זאל שפירן אז זיין שטוב איז א משכן[לה] פארן אויבערשטן - ס'איז א פלאץ, ס'איז א בית המקדש.

א שטוב איז א הייליגער פלאץ, א פלאץ פון השראת השכינה, מען פירט זיך דארטן מיט השראת השכינה, מען פירט זיך דארטן מיט שמחה. "**די שכינה איז שורה נאר מיט שמחה**[לו]" - נישטא אַזאַ דערוּוייטערטע מידה ווי עצבות.

אין א אידישע שטוב דארף זיין שמחה די מידה הראשית והכללית. אין א שטוב דארף זיין שמחה א גאנצע צייט, ווייל נאר אזוי האלט זיך השראת השכינה. און אוודאי נישט כעס, און אוודאי נישט ווערטער וואס קומט שוין ארויס פון אזעלכע זאכן, און אוודאי נישט ערגער און ערגער; אוודאי נישט קיין תאוות, און אוודאי נישט קיין דברים וואס ס'פאסט נישט.

- די אלע זאכן, דאס אלץ ווערט ווען ס'ווערט פארטריבן די שמחה פון שטוב!

אבער בשעת ווען מען געבט אכטונג אז די שטוב זאל זיין א 'מקום שמחה' - א מקום פון התפארות[לז]. א מקום פון וואס א אידישע פּאָרפאָלק, אידישע עלטערן, אידישע קינדער - מען רעדט, מען קריגט זיך נישט, מען

---

**לה.** ראה ליקו"ה ספר תורה ד, י"ד - י"ז

**לו.** שבת ל: פסחים קיז.

**לז.** ראה ליקו"מ תורה י"ז

רעדט נישט קיין זאכן וואס פאסט נישט. נאר מען רעדט מיט א שמחה, מיט אהבה, מיט א רצון איינער צום אנדערן; מיט הערכה, מיט א יראה, מיט א דרך ארץ.

עס איז א שטוב, ס'פירט זיך א שטוב מיט א דרך ארץ, ס'פירט זיך א שטוב מיט קדושה, - דאס הייסט א שטוב!

דאס לערנט דער רבי - דער רבי מישט זיך אריין אין א שטוב. דער רבי זאגט: "עס איז נישט אזוי, דער שטוב דארף זיין א '**בית ועד לחכמים**[לח]'!" - די שטוב דארף זיך פירן לויטן רבי'ן.

דער רבי זאגט: ניין ניין, טרייבסט מיר ארויס פון דא; אז דו פירסט זיך אזוי, קען איך דא נישט זיין.. מען קען נישט, מען קען נישט אין שטוב אזוי זיך פירן - ס'דארף זיין א ברסלב'ער שטוב!

## וואס הייסט א 'ברסלבער שטוב'?

רבי נתן איז געקומען צום רבי'ן ווען ער איז אריין אין ברסלב, איז געווען דארטן א איד האט געהייסן **ר' בעריש דוברישע'ס** - ער איז אריינגעגאנגען צו אים אין שטוב, האט ער געזען אז די שטוב איז פול מיטן רבי'ן![לט]

**לח.** אבות א,ד. וראה בליקו"ה מזוזה ד,ג: כִּי צָרִיךְ כָּל אֶחָד לְכַוֵּן בְּבִנְיַן בֵּיתוֹ שֶׁיִּהְיֶה בֵּיתוֹ בֵּית תּוֹרָה, בֵּית תְּפִלָּה, **בֵּית וַעַד לַחֲכָמִים**, בַּיִת פָּתוּחַ לִרְוָחָה וְיִהְיוּ עֲנִיִּים בְּנֵי בֵיתוֹ וְאָז בֵּיתוֹ בֵּית ה'. וְעַל זֶה נֶאֱמַר, בְּחָכְמָה יִבָּנֶה בָּיִת וְכוּ'. וראה בעל"ת מכתב קמ"ה: וּכְבָר יָדַעְתִּי מִקֹּדֶם מֵרַבִּי טוֹבִיָּה מִטֶּעפְּלִיק שֶׁנִּכְנַסְתָּ לְבֵיתְךָ נָאֲוָה קֹדֶשׁ. יְהִי רָצוֹן שֶׁיִּהְיֶה לְחַיִּים טוֹבִים אֲרֻכִּים וּלְשָׁלוֹם לְךָ וּלְכָל בֵּיתְךָ. וְתִזְכּוּ לַעֲסֹק שָׁם בַּעֲבוֹדַת ה' בֶּאֱמֶת. וְיִהְיֶה בֵּיתְךָ **בֵּית וַעַד לַחֲכָמִים** בַּיִת פָּתוּחַ לִרְוָחָה, בַּיִת שֶׁמְּגַדְּלִין בּוֹ תּוֹרָה וּתְפִלָּה. ובעל"ת מכתבי ר' יצחק בן מוהרנ"ת מכתב ט: וּמַה מְּאֹד קִבַּלְתִּי רֹב תַּעֲנוּג מִשִּׂמְחַת יוֹם טוֹב שֶׁלָּהֶם בְּבֵית הַמִּדְרָשׁ וּבְבֵיתָם עִם כָּל אוֹהֲבֵינוּ שֶׁיִּחְיוּ. כֵּן כַּפֵּי פְּרוּשׂוֹת לַה' שֶׁיְּחָנְנֵם תָּמִיד בְּחֵן וָחֶסֶד וְיִגְדַּל שְׁלוֹם בֵּיתָם לָעַד וּבְרֹב בְּרָכָה, **וְיִהְיֶה בֵּיתָם בֵּית וַעַד לַחֲכָמִים לִשְׁמֹעַ דִּבּוּרִים לְהַתַּכְלִית הַנִּצְחִי** אָמֵן כֵּן יְהִי רָצוֹן.

**לט.** ראה שיש"ק ח"ב מו

דאס הייסט א ברסלבער שטוב: **'ער האט געטראפן א שטוב פול מיטן רבין!'** - דעם רבינ'ס מענטשן האבן אנגעפילט די שטוב מיטן רבי'ן.

פאר דער רבי איז געקומען אין ברסלב[מ] איז געווען דארטן א פריץ, ער האט געפירט די גאנצע אידישקייט פון שטאט, ער איז געווען א פריץ א **'בעל עבירה'** - ער האט פארזינדיגט געמאכט די גאנצע שטאט. ברסלב איז געווען א פלאץ פול מיט בעלי עבירה, פול מיט בעלי עבירה איז געווען ברסלב..

א שרעקליכע שטאט איז עס געווען - דער פריץ האט מחטיא געווען מענטשן, ער האט געגעבן מענטשן געלט צו זינדיגן, די גאנצע שטאט איז געווען אין א שרעקליכע ירידה. און ווען דער רבי איז אריינגעקומען אין שטאט, ביז אפאַר וואכן האט ער איבערגעדרייט די גאנצע שטאט - ער האט אנגעפילט אלע שטיבער, אלע שטיבער זענען געווארן פול מיטן רבי'ן.

דער רבי שרייבט א בריוו[מא] צום שטאט ברסלב, שרייבט ער: "געדענקט, געדענקט פון וואו איך האב אייך געטראָפן אלעמען, פון וואו איך האב אייך ארויסגענומען, און וואס איך האב געמאכט פון אייך" – "על כל זה לטש הבעל דבר זיינע אויגן אויף מיר - אויף דעם וואס איך האב אייך ארויסגענומען פון שאול תחתית, פון סיטרא אחרא".

אזוי גייט אריין דער רבי אין יעדער שטוב - ס'ווערט א ברסלב'ר שטוב!

דער רבי האט כובש געווען די שטאט ברסלב[מב] - דער רבי איז כובש יעדער שטוב, ס'ווערט א ברסלב'ר שטוב.

---

**מ.** ראה שיש"ק ח"א עד (ובאות שט"ז)

**מא.** ראה בעל"ת מכתבי מוהר"ן א וזל"ש: אֲהוּבַי אַחַי וְרֵעַי, אִיךְ בֶּעט זַייעֶר צוּ בֶּעטִין בְּעַד נַפְשִׁי הָעֲלוּבָה, בְּכַוָּנַת הַלֵּב צוּ בֶּעטִין, **דֶערְמַאנְט אַייךְ אִיטְלִיכֶער ווִי אַזוֹי אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעפוּנֶען אַז אִיךְ בִּין גִיקוּמֶען קַיין בְּרֶסְלֶב**, אוּן וִויפִיל כֹּחוֹת בְּרוּחָנִיּוּת וְגַשְׁמִיּוּת אִיךְ הָאבּ אוֹיסְגִיבְּרַאכְט אַרוּם אַייךְ. ושם במכתב ד: אַף עַל פִּי כֵן יָדַעְתִּי גַּם יָדַעְתִּי שֶׁגַּם הָעֵסֶק שֶׁעָסַקְתִּי עִמָּכֶם לְהוֹצִיא אֶתְכֶם מִשִּׁנֵּי הַסָּמֶךְ־מֵם, **עַל כָּל אֵלֶּה עֵינָיו לָטַשׁ וְשִׁנָּיו חָרַק עָלַי**.

**מב.** ראה חיי מוהר"ן קט"ו: שָׁמַעְתִּי שֶׁאָמַר רַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אֲנַחְנוּ כָּבַשְׁנוּ אֶת עִיר בְּרֶסְלֶב בְּהַמְחָאַת כַּף וְרִקּוּדִין.

א שטוב דארף זיין א 'ברסלב'ער שטוב' – אז ס'איז נישט פרייליך איז עס נישט א ברסלב'ער שטוב. טאמער רעדט מען דארטן דיבורים פון כעס איז עס נישט קיין ברסלב'ער שטוב. טאמער רעדט מען דארטן ווערטער וואס מען איז מבזה איינער דעם אנדערן איז עס נישט קיין ברסלב'ער שטוב.

ס'דארף זיין דארטן מלא שמחה, מלא חיות - דער רבי דארף זיין דארטן. דער נאמען פון רבי'ן דארף כסדר ווערן דערמאנט דארט - מען דארף וויסן אז דער רבי איז דא אין שטוב!

אז דער רבי איז דא ביי אונז אין שטוב איז זיין זכות מגין פון מחלות, ס'איז מגין פון צרות, ס'איז מגין פון חובות, ס'איז מגין פון אלע ביטערקייטן וואס גייט, וואס "**סָבִיב רְשָׁעִים יִתְהַלָּכוּן**[מג]" - וואס לאָקערן ארום א אידישע שטוב..

- אז דער רבי איז דארטן דא אין שטוב, קענען זיי דארטן אלע נישט זיין!

אבער מען דארף האלטן דעם רבי'ן אין שטוב - דאס איז דעם רבינ'ס התמנות, דאס איז די מינוי וואס ער באקומט ר"ח ניסן!

רבוש"ע איך וויל אז דער רבי זאל ווערן 'בעל הבית' ביי מיר אין שטוב! דער רבי זאל ווערן דער מלך ביי מיר אין שטוב - ביי מיר אין שטוב זאל מען זיין אונטער די מלכות פון רבי'ן, ס'זאל זיין א '**בית ועד לחכמים**'! ביי מיר אין שטוב איז נאר דער רבי, נאר דער רבי!

כסדר רעדן פון רבי'ן - רעדן פון רבי'ן מיט א כבוד, איבערזאגן א וואָרט פון רבי'ן בכבוד, איבער זאָגן א וואָרט פון רבי'ן בשמחה, מיט א חיות. אויסהערן א ווארט פון רבי'ן מיט א כבוד, אויסהערן א קינד וואס רעדט פון רבי'ן.

---

עוֹד שָׁמַעְתִּי שֶׁפַּעַם אַחַת סָמוּךְ לִכְנִיסָתוֹ לִבְּרֶסְלֶב מָזְגוּ לוֹ כּוֹס יַיִן לְקִדּוּשׁ, וְנִשְׁפַּךְ עַל הָאָרֶץ. וּמָזְגוּ לוֹ כּוֹס אַחֵר, וְקִדֵּשׁ עָלָיו. וְאַחַר־כָּךְ אָמַר הַיּוֹם נָטַעְנוּ שֵׁם בְּרֶסְלֶבֶיר חֲסִידִים, וְשֵׁם זֶה לֹא יִשְׁתַּקַּע לְעוֹלָם, כִּי לְעוֹלָם יִהְיוּ אַנְשֵׁי־שְׁלוֹמֵנוּ נִקְרָאִים עַל שֵׁם עִיר בְּרֶסְלֶב וְכֵן הָיָה כַּמְפֻרְסָם.

**מג.** תהילים יב,ט

מחשיב זיין דעם רבי'ן, יעדער וואָרט פון רבי'ן דארף זיין טייער טייער אין שטוב; "אָה! מען רעדט פון רבין, ער זאגט עפעס פון רבי'ן דא אין שטוב, אָה!" - דאס דארף זיין דער הויפט פון אונזער שטוב, אין יעדער שטוב.

די אלע זאכן דארף מען גוט גוט אויסבעטן דעם אויבערשטן - אויסבעטן ביים אויבערשטן אז מיר זאלן זוכה זיין אז דער רבי זאל זיך אונטערנעמען, ס'זאל אויפהערן דעם מצב פון הפקרות. אויפהערן דעם מצב וואס דער רבי רופט עס[מד] "**תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת**".

אז דער "ראש כל חוצות" פירט די שטעטל; אז וואס ס'פאלט איין דעם "ראש כל חוצות" - וואס א מיני תאוות דער "ראש כל חוצות" איז מחליט צו משווק זיין פארן עולם, מוז מען קויפן.. וואס א מיני סארטן קליידער דער "ראש כל חוצות" איז מחליט אז דאס דארפן מיר זיך אנטאָן - ווערן מיר זיינע קנעכט, מיר זענען צוגעאָסן ביי אים...

- מיר זענען נישט צוגעאָסן!! מיר האבן א 'ראש בית' וואס ער איז איבער אונזער שטוב!

דער רבי האט א מיינונג ווי מען טוט זיך אָן, דער רבי האט א מיינונג וואס מען עסט. דער רבי האט אויך א מיינונג ווי אזוי מען איז זיך מְשַׁעֲשֵׁעַ[מה], ווי אזוי מען איז זיך מִתְעַנֵּג ווען מען דארף זיך מתענג זיין.

דער רבי האט וואס צו זאגן, **אין יעדע זאך!**[מו] - איך וויל הערן צו ס'פאסט צום רבינ'ס דעה צו ס'פאסט נישט צום רבינ'ס דעה, איך וויל מיין שטוב זאל זיין א שטוב מיט א רבי.

---

**מד.** ליקו"מ תנינא תורה ס"ז

**מה.** ראה שיחות הר"ן נ"ט

**מו.** ראה בהקדמת הליקו"מ

רבוש"ע איך וויל מיין שטוב זאל זיין א שטוב מיט א רבי. מיין שטוב זאל נישט זיין הפקר אז "כל דאלים גבר" - ווער ס'קען בעסער שרייען ער באקומט. ווער ס'שרייט: 'ניין מען מוז; דאס מוז מען, דאס מוז מען!' - דאס הייסט א שטוב פון הפקר!

א שטוב דארף זיין דארטן דער רבי, אז ס'דארף זיין דארטן א הנהגה פון רבין! אבער פארשטייט זיך אז א הנהגה פון רבין קען נישט זיין – אז ס'קומט אריין אז א מענטש ווארפט א פחד, ער איז מטיל "אימה יתירה [מז]" ביי זיך אין שטוב - פון דעם קומט נישט אריין דער רבי. אז ער שרייט און ער איז בכעס, מיט דעם קומט נישט אריין דער רבי!

דער רבינ'ס זאך קומט טאַקע אריין מיט א שטארקייט - אבער מיט א שמחה, מיט א חיות, מיט א געדולדיגקייט - דאס הייסט א שטוב!

אזווי ווי דער רבי זאגט אין תורה ס"ז [מח] - אז ווען דער **'ראש בית'** איז אין שטוב איז **"כולנו בני בית"** - זענען מיר בני בית! דעמאלס זענען מיר שטוביגע מענטשן, דעמאלס איז די שטוב א שטוב. אז ס'איז דא א ראש בית - איז דער בית א בית!

אבער אז ס'איז נישטא קיין 'ראש בית' איז דא 'ראש כל חוצות' - ווערט אלעס שליטת החיצונים, זענען די חיצונים שולט רחמנא לצלן.

אז די חיצונים זענען שולט, קומט פון זיי מחלות [מט] - די חיצונים ברענגען מחלות אין א שטוב. אז ס'קומט אריין די 'שליטת החיצונים' איז נישטא קיין

---

**מז.** גיטין דף ו:

**מח.** וזל"ש: וַאֲזַי כְּשֶׁיֵּשׁ זֶה הַצַּדִּיק שֶׁהוּא הָרֹאשׁ בַּיִת אֲזַי יֵשׁ בְּחִינַת רֹאשׁ וְיֵשׁ בְּחִינַת בַּיִת וַאֲזַי כֻּלָּנוּ, דְּהַיְנוּ כָּל בְּנֵי הַדּוֹר **כֻּלָּם בְּחִינַת בְּנֵי בַּיִת** אֲבָל כְּשֶׁנִּסְתַּלֵּק וְנִתְעַלֵּם זֶה הָרֹאשׁ שֶׁהוּא הַפְּאֵר, בְּחִינַת שֵׁם ה כַּנַּ"ל אֲזַי מִתְגַּבְּרִין, חַס וְשָׁלוֹם, שְׁמוֹת הַטֻּמְאָה שֶׁל הַחִיצוֹנִים [..] בְּחִינַת "רֹאשׁ כָּל חוּצוֹת" שֶׁזֶּהוּ בְּחִינַת רֹאשׁ דְּסִטְרָא אָחֳרָא בְּחִינַת מְפֻרְסָמִים שֶׁל שֶׁקֶר בְּחִינַת שֵׁם הַטֻּמְאָה שֶׁל הַחִיצוֹנִים, חַס וְשָׁלוֹם וַאֲזַי אֵין בַּיִת, וּמִתְגַּלְגְּלִים בַּחוּצוֹת, חַס וְשָׁלוֹם וְעַל כֵּן נִקְרָא רֹאשׁ כָּל חוּצוֹת כִּי נִתְעַלֵּם חַס וְשָׁלוֹם בְּחִינַת רֹאשׁ בַּיִת וַאֲזַי אֵין בַּיִת, וּמִתְגַּלְגְּלִים בַּחוּצוֹת, חַס וְשָׁלוֹם וְעַל זֶה נֶאֱמַר: **"תִּשְׁתַּפֵּכְנָה אַבְנֵי קֹדֶשׁ בְּרֹאשׁ כָּל חוּצוֹת, בְּנֵי צִיּוֹן הַיְקָרִים הַמְסֻלָּאִים בַּפָּז"**.

**מט.** ראה ליקו"ה מצרנות ד (ו,יב)

שמירה דארטן - קומט אריין דארטן מחלות, קומט אריין חובות, קומט אריין הוצאות. ס'צוברעכט זיך כלים, ס'צוברעכט זיך זאכן, ס'איז ביטער, ס'איז פינסטער, מען צוקריגט זיך, מען קען זיך נישט ליידן איינער דעם אנדערן[נ]..

- פארוואס איז דאס אלעס? ווייל ס'איז הפקר!

## אוֹר בְּמוֹשְׁבוֹתָם

אבער אז מען שרייט: "רבש"ע קומט ר"ח ניסן, געוואלד! גענוג צו די הפקרות! - ברענג אריין דעם רבין אין אידישע שטיבער, זאל זיין "**וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָיָה אוֹר בְּמוֹשְׁבוֹתָם**[נא]" - אידישע שטיבער זאלן ווערן אנגעפילט מיטן רבין! זאל זיין אידישע שטיבער - זאל ווערן אידישע שטיבער!"

דער גאנצער '**קרבן פסח**' איז דאך אלץ די אידישע שטיבער - אז דער אויבערשטער האט אריבערגעשפרינגען[נב]; 'א אידישע שטוב, א אידישע שטוב!' דער אויבערשטער האט אריבערגעשפרונגען; 'א אידישע שטוב, א אפגעהיטענע שטוב!'[נג]

דא הויבט זיך אָן דער פסח - דער גאנצער פסח איז א יום טוב אז דער אויבערשטער האט אפגעהיטן אידישע שטיבער, דא הויבט זיך אלעס אָן.

א יונגערמאן האט חתונה געהאט – איז דאך יעצט די צייט, אויב אָן א שטוב, הויב אָן באנייען דיין שטוב. דיין שטוב זאל זיין א שטוב, זאל זיין א

**נ.** ראה שם באות ג

**נא.** שמות י,כג

**נב.** שמות יב,כז וראה רש"י בשמות יב,יג ושם בילקו"ש רמז ר.

**נג.** ראה בנחת השולחן או"ח סימן תע"ב: כי זה רק מרחמיו ית' אשר פסח על בתי בני ישראל, בתי בני ישראל הם בחי' מלכות דקדושה שנקרא בית בחי' בית מלכות וחכמה דקדושה נקרא בית בחי' בחכמה יבנה בית וכנ"ל כ"פ. וזה בנגפו את מצרים שהם מצד הסט"א ואת בתינו הציל נמצא מבואר **כי דייקא בתי בני ישראל שהיו דבקים בקדושה הציל**.

אידישע שטוב, נישט בכוח הזרוע נאר בכוח הצדיק, בכוח רבינו - בכוח די ליכטיגקייט פון רבי'ן זאל אריינקומען א נעימות.

דאס הייסט א רבי - אז ס'איז דא א רבי אין שטוב - איז א יו"ט א יו"ט, איז א שבת א שבת, איז א ערב פסח א ערב פסח.

גייט יעצט א ערב פסח: א ער"פ קען מען אריינברענגען מיט כעס? מען קען קונה זיין א פסח - דער פסח איז דאך חירות - **קען מען קונה זיין דעם פסח מיט כעס?**

ווי קען מען קונה זיין פסח אז מען וועט זיך נישט קענען ליידן איינער דעם אנדערן? קען מען קונה זיין פסח מיט קטנות המוחין?! - מען דארף דאך קונה זיין נאר מיטן רבי'ן!

מען דארף וויסן יעדער טאג: ס'איז 'ימי ניסן', דער חודש פון פסח!

ס'שטייט "**וְעָבַדְתָּ אֶת הָעֲבֹדָה הַזֹּאת בַּחֹדֶשׁ הַזֶּה**[נד]" - ווערט געברענגט[נה]: אז דאס מיינט די עבודה פון ערב פסח! די עבודה וואס מען ארבעט אין שטוב ער"פ, ס'איז 'עבודת הקודש' - מען וואשט און מען ראמט, מען טוהט און מען קערט. מען ברענגט אריין אויף יו"ט, מען קויפט איין אויף יו"ט, און מען גייט באקומען (קמחא דפסחא) וואס מען טיילט אויס אויף יו"ט.

דאס אלעס דארף זיין מיט א שמחה, נישט מיט א השפלה; נישט מושפל ווערן פאר אפאר שקל! יעדער ביסל וואס דו נעמסט; מיט א שמחה, מיט א חיות, מיט א געשמאק. יעדער זאך וואס מען קויפט, צו וואס מען נעמט - צו יעדער זאך צוגיין מיט א חיות, מען ברענגט אריין דעם יו"ט, מען ברענגט אריין, מען מאכט ליכטיג אין שטוב.

---

**נד.** שמות יג,ה

**נה.** מובא בספרי החסידות ראה בוצינא דנהורא פרשת בא

דאס אלעס דארף גיין מיטן רבי'ן! אז ס'איז דא א רבי, ארבעט מען ווי מ'ארבעט ביים רבי'ן, ס'איז א אנדער זאך אינגאנצן.

אבער דאס אלעס הויבט זיך אָן ר"ח ניסן, דער חודש ווערט נתקדש - ס'איז א קדושת ראש חדשים. ר"ח ניסן און דער גאנצער חודש ניסן - ברענגט דער רבי אין תורה ע' - אז חודש ניסן איז דער גאנצער חודש **'קדושת ראש חודש'**! - מ'דארף וויסן אז דער חודש איז א ראש חדשים פאר אלע חדשים.

דער חודש איז א חודש וואס מ'גייט דאך באקומען די מלכות פון צדיק - דער חודש וואס מ'ברענגט אריין דעם רבי'ן אין שטוב. דער גאנצער ערב פסח, דער גאנצן חול המועד פסח, מיטן גאנצן נאך פסח - ס'איז אלץ צייטן וואס מ'ברענגט אריין דעם רבי'ן אין שטוב.

מ'ברענגט אריין די שמחה, דעם חיות ברענגט מען אריין אין שטוב. מ'ברענגט אריין אין שטוב א באלעבאטישקייט - א אמת'ע גוטע באלעבאטישקייט ברענגט מען אריין.

דאס הייסט, **דאס הייסט ס'דא א רבי!**

אבער ס'הייבט זיך נישט אָן נאר פון די שטוב, די שטוב איז גאר א גרויסער עיקר - אבער ס'הייבט זיך אָן מיטן מענטשן, יעדער איינער אליין איז א שטוב.

רבי נתן זאגט אין ליקוטי הלכות[נז] אויף תורה ס"ז, אז יעדער מענטש - **יעדער מענטש איז א בית**; יעדער מענטש איז א גאנצע געבוי, מ'דארף אריינעמען דארטן דעם רבי'ן - אין דעם געבוי פון זיך אליין דארף מען אריינעמען דעם רבי'ן.

---

**נז.** בליקו"ה מצרנות ד,ג וזל"ש: **וְכֵן כָּל אָדָם** בִּפְרָטִיּוּת הוּא בְּחִינַת עוֹלָם קָטָן **בְּחִינַת בַּיִת, וְצָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה לוֹ רֹאשׁ בְּחִינַת בַּעַל הַבַּיִת שֶׁיַּנְהִיג אוֹתוֹ** כָּרָאוּי בְּגַשְׁמִיּוּת וּבְרוּחָנִיּוּת שֶׁיֵּדַע לְהַנְהִיג כָּל הָאַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת שֶׁמֵּהֶם כָּל הַמִּדּוֹת לְהַנְהִיג וּלְסַדֵּר הַכֹּל כָּרָאוּי בְּמֶזֶג הַשָּׁוֶה בְּאֹפֶן שֶׁיִּתְנַהֵג הַכֹּל עַל פִּי הַתּוֹרָה אֲשֶׁר הִיא חַיֵּינוּ אֲשֶׁר עַל יְדֵי זֶה מִתְקַיְּמִים הַכֹּל וְכַנַּ"ל.

מ'דארף אריינעמען דעם רבי'ן - דער שחרית דארף זיין א ברסלב'ער שחרית! די מקוה דארף זיין א ברסלב'ער מקוה! דער התבודדות דארף זיין, יעדן טאג א התבודדות! יעדן טאג לערנען דעם רבינ'ס ספרים! יעדן טאג האבן בכלל שיעורים קבועים!

## די שמחה און קדושה פון חודש ניסן

ס'גייט יעצט זיין ערב יו"ט - מ'דארף נאך מער אכטונג געבן צו האבן א געוויסער '**סדר קבוע**' וואס דאס האלט מען צו. יעדער איינער זאל אכטונג געבן. און ווייטער דארף מען אכטונג געבן שטארק אויף די אויגן, אויף די מחשבות. ס'איז א צייט וואס מ'הויבט זיך מער; מ'דרייט זאך, מ'דרייט זאך אין די גאסן, מ'דרייט זיך מער צווישן א געמישטע גאס - מ'דארף מער אכטונג געבן.

און דער עיקר די שמחה - די שמחה פון חודש ניסן, וואס דאס אליין איז א שמירה, דאס איז דער עיקר. דער עיקר עצה וואס דער רבי געבט פאר 'שמירת הברית' איז שמחה[נז].

אז דער מענטש גייט ארום און ער פריידט זאך - ער פריידט זאך אז ער איז זוכה; ער איז זיך מתגבר טויזנטער מאל, אפילו ער הייבט זיך, ער פאלט.. - אבער טויזנטער מאל האט ער זיך מתגבר געווען, מ'דארף האבן א שמחה פון דעם!

נישט ער ווערט בעצבות פון אלעס וואס גייט אים 'שלא כסדר' - נאר ער גייט מיט א שמחה. אז מ'דארף איינקויפן; אַוואו מ'דארף גיין, אַוואו מ'דארף קומען, וואס ער דארף טאן - מאכט ער מיט א שמחה, ער גייט מיט א שמחה.

---

**נז.** ראה ליקו"מ תורה קס"ט ראה גם שיחות הר"ן כ'

די קדושה און די שמחה פון חודש ניסן, דאס איז 'תיקון הברית' - דער רבי זאגט[נח] אין תורה ה' "תקעו אמונה" - אז דאס ברענגט תיקון הברית. די שמחה פון חודש ניסן, דאס איז תיקון הברית, דאס איז דער עיקר קדושה!

און דאס אויכעט - קען מען נישט האבן אליין, דאס באקומט מען ביים רבי'ן; אז דער רבי זאגט און מ'פאלגט.

דער רבי הייסט זיין פרייליך איז מען פרייליך - **"א פאטש געכאפט און פרייליך געקלאפט**[נט]**"** - ווייטער זיין פרייליך, ווייטער זיין פרייליך; נישט ווערן צופאטשט!

מ'האט שוין נישט קיין געדולד צו די צוויי וואכן פון פאר יום-טוב, א מענטש גייט ארום, ער האט נישט קיין געדולד צו א 'מצב' - דאס איז 'שֹׁרֶשׁ פֹּרֶה רֹאשׁ וְלַעֲנָה[ס]'!

א מענטש זאגט: 'איך האב נישט קיין געדולד צו דעם מצב, דער מצב הייבט זיך אָן ביי מיר נאכדעם' - **דאס איז נישטא ערגער'ס ווי דעם**; יעצט איז דער מצב, יעצט איז דער געווינס, יעצט איז די זאך! - יעצט מאכסטו די גרעסטע גליקן, יעצט איז די גרעסטע רייכקייט, די גרעסטע געשעפטן קויפט מען יעצט איין!

גלייב אין יעדע מינוט - נעם אריין דעם רבי'ן אין יעדע מינוט!

---

**נח.** עיי"פ באות י וראה בליקו"ע פסח ב עפ"י התורה הזאת: נִיסָן הוּא בְּחִינַת תִּקּוּן הַבְּרִית, וְעַל־יְדֵי שִׂמְחָה מַמְשִׁיכִין קְדֻשַּׁת וְשִׂמְחַת נִיסָן בְּכָל הַשָּׁנָה כֻּלָּהּ וְזוֹכִין לְתַקֵּן הַבְּרִית וּלְהִנָּצֵל מִמִּקְרֵה לַיְלָה חַס וְשָׁלוֹם.

**נט.** ראה אבניה ברזל שיחות וסיפורים ל"ט: פַּעַם אַחַת הָיָה רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל עַל חֲתֻנָּה, וְהָיוּ רְגִילִים שֶׁעִם הַכְּלֵי־זֶמֶר הָיָה אֶחָד מַכֶּה בְּתֹף וְהָיָה צוֹעֵק פְרַיְילִיךְ פְרַיְילִיךְ (שִׂמְחָה שִׂמְחָה). וּבְתוֹךְ שֶׁהָיָה מַכֶּה וְצוֹעֵק הָיָה מִתְנַמְנֵם, וְנָתַן לוֹ אֶחָד הַכָּאָה עַל הַלְּחִי וְאָמַר לוֹ, קְלַאפּ פְרַיְילִיךְ (דְּפוֹק בְּשִׂמְחָה) וְהָיָה בּוֹכֶה קְלַאפּ פְרַיְילִיךְ. אָז אָמַר רַבֵּנוּ זְצוּקַ"ל **אַ פַּאטְשׁ גִיחַאפְּט אוּן פְרַיְילִיךְ גִיקְלַאפְּט** (סָפַג סְטִירָה וּבְשִׂמְחָה דָּפַק). (וראה גם בשיש"ק ח"ג קמ"א)

**ס.** דברים כט, יז

אין יעדע מינוט דארף מען אריינגעמען דעם רבי'ן - דער רבי איז א 'מאן דאמר' אין יעדע מינוט, אין יעדן מצב. אין יעדער מצב וואס א מענטש שטייט איין דארט דארף ער זיך פארמעסטן; דער רבי האט וואס צו זאגן דארטן!

און כלל הדברים וואס דער רבי הייסט: "**אלעמאל פרייליך!**[סא]" - פרייליך מיט גוטע רצונות; 'יהיה איך שיהיה' זיין פרייליך מיט גוטע רצונות.

און טאמער כאפסטו בזיונות?! בזיונות איז אויך א גוטער פעקל ביים רבי'ן[סב], אויכט א גוטער פעקל. ס'איז נאך מיט בזיונות אויכעט, איז עס גאר עפעס א 'חוט המשולש'; בשמחה, מיט גוטע רצונות, מיט בזיונות - דאס איז א גוטער פעקל ביים רבי'ן.

אזוי דארף מען גיין ביים רבי'ן, אזוי דארף מען כסדר הערן וואס דער רבי זאגט - דאס הייסט אז דער רבי איז מיין רבי, דאס איז אביסאלע פון וואס הייסט אז 'דער רבי איז מיין רבי'.

## זיך צוגרייטען צום ר"ה למלכים

אבער דאס דארף מען - אז ס'קומט יעצט ראש חודש ניסן - זיך אויסבעטן, מ'דארף נישט ווארטן אויף ראש חודש, ראש חודש איז שוין ראש חודש - ראש חודש איז שוין ראש השנה.

מיר האבן נאך יעצט אפאר טעג פאר ר"ח – דארף מען זיך אויסבעטן, זאָגן אביסל תהילים, ליקוטי תפילות, לערנען די תורה אליין '**תורה ל"ט**' אין צווייטן חלק - דער רבי זאגט מ'זאל עס לערנען בדמעות שליש; מ'לערנט די תורה בדמעות שליש.

---

**סא.** ראה שיחות הר"ן י"ט: וְהִזְהִיר מְאֹד לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד וְהִרְבָּה מְאֹד לְדַבֵּר עִמָּנוּ מִזֶּה מֵעִנְיַן שִׂמְחָה כַּמְבֹאָר בַּסְּפָרִים הַקְּדוֹשִׁים, אַךְ יוֹתֵר מִזֶּה הִרְבָּה לְדַבֵּר עִמָּנוּ בְּעַל פֶּה **וְהִזְהִיר מְאֹד בְּכַמָּה אַזְהָרוֹת כַּמָּה וְכַמָּה פְּעָמִים לִהְיוֹת אַךְ שָׂמֵחַ תָּמִיד.**

**סב.** ראה שיש"ק החדש ג,ע"ג

דער רבי זאגט דארטן[סג], אז דער צדיק לערנט אויס צו קענען דינען דעם אויבערשטן פון יעדן מציאות; פון דומם, צומח, חי, מדבר, מיט וועמען - מיט וואס דו האסט צו טאן - פון יעדן פלאץ קען מען אויסקוקן, האפן צום אויבערשטן, בענקען צום אויבערשטן. נישט זאגן: 'דער פלאץ איז נישט פאסיג, יענער פלאץ איז נישט פאסיג, דער מציאות איז נישט פאסיג'!

פון אלע מצבים קען מען; מיט א תמימות, מיט גוטע רצונות - לערנט אונז דער צדיק מיט זיינע דרכים. דער צדיק לערנט אונז **'פליאות**[סד]' - פליאות גדולים, ממש בדרך נפלא.

די פלאות פון רבינ'ס עצות - מיט א תמימות קען מען דינען דעם אויבערשטן. דער רבי גיבט אונז א **שכל פשוט**[סה], א שכל פון תמימות - ווי אזוי מ'קען פון יעדן פלאץ זיך ציהען, זיך האלטן אין אויבערשטן און זיך בענקען צום אויבערשטן; אנקומען צום תכלית פון יעדן פלאץ.

דארף מען לערנען די תורה, לערנען בדמעות שליש די תורה - אזוי זאגט דער רבי: **'ראוי לומר זאת בדמעות שליש'** - מ'זאל לערנען די תורה בדמעות שליש. און ס'דא א תפילה אויף דעם אין ליקוטי תפילות[סו]; מ'קען זאגן מער ווי איינמאל די תורה מיט די תפילה.

---

**סג.** בתורה ל"ט תנינא וראה בקיצור ליקוטי מוהר"ן וזל"ש: וְצָרִיךְ הָאָדָם לְהַעֲמִיק עִיּוּנוֹ **לָדַעַת וּלְהַכִּיר גְּדֻלַּת הַבּוֹרֵא יִתְבָּרַךְ, עַל־יְדֵי כָּל דָּבָר וְדָבָר מֵהַבְּרִיאָה שֶׁרוֹאֶה** בְּתַבְנִיתוֹ וּדְמוּתוֹ בִּפְרָטִיּוּת אֵיבָרָיו וּבִנְיָנוֹ וְכַיּוֹצֵא בָּזֶה, **וּלְעָבְדוֹ יִתְבָּרַךְ בָּזֶה,** עַד אֲשֶׁר יָבוֹא לִבְחִינַת הַתַּכְלִית שֶׁל אוֹתוֹ הַדָּבָר שֶׁהוּא בְּחִינַת שַׁבָּת כַּנַּ"ל. וּקְטַנֵּי עֵרֶךְ כָּמוֹנוּ הַיּוֹם שֶׁכֻּלָּנוּ בְּמַדְרֵגָה פְּחוּתָה מְאֹד, שֶׁאִי אֶפְשָׁר לָנוּ לָבוֹא לִידִיעָה זֹאת, יֵשׁ לָנוּ לִכְסֹף וּלְהִשְׁתּוֹקֵק מְאֹד, מִי יִתֵּן וְהָיָה לָנוּ מַנְהִיג הַדּוֹר רוֹעֶה נֶאֱמָן **שֶׁיּוּכַל לְהָאִיר גַּם בָּנוּ הַיְדִיעָה וְהַשָּׂגָה הַנַּ"ל**, כְּדֵי שֶׁנִּזְכֶּה לָבוֹא אֶל הַתַּכְלִית.

**סד.** עיין בליקו"מ תורה נ"ז,ב. וראה בעל"ת קל"ד: בִּפְרָט שֶׁאָנוּ זוֹכִין לֵידַע **מִבַּעַל הַנִּפְלָאוֹת** אֲשֶׁר כָּל דְּבָרָיו וּדְרָכָיו הַתְּמִימִים וְהָעֲמֻקִּים שֶׁהִשְׁאִיר לָנוּ יְרוּשָּׁה טוֹבָה, כֻּלָּם נִפְלָאִים **פִּלְאֵי פְלָאוֹת** עַד אֵין חֵקֶר.

**סה.** ראה סיפו"מ מעשה ט' מחכם ותם

**סו.** תפילה כ"ח חלק שני

און מ'קען זאגן אביסל תהילים, זאגן תהילים אביסל און בעטן ביים אויבערשטן, בעטן אויף אידיש, אויסבעטן: אט גייט דער גרויסער טאג פון די מינוי המלכים, העלף מיר איך זאל זוכה זיין צו באקומען, באקומען א מלכות. ארויסגיין פון די הפקרות, ארויסגיין פון די 'ראש כל חוצות', ארויסגיין פון אלע באלאגאנען וואס טוט זאך.

[ס'ווערט דאך ערגער און ערגער דער מצב דא מיט די 'מדינה' - פשוט, ס'קראכט, ס'צובערקלט זאך, ס'צוברעקלט זאך... אַזאַ מדינה - וואס איז שוין דריי מאל בחירות אריבערגעגאנגען און גארנישט ארויסגעקומען; מיט א הפקרות פון קאראנא, מיט נאך הפקרות.

ס'דאפלט זאך און פערטל'ט זיך די הפקרות - מער און מער און מער, אָן א שיעור, אָן א שיעור.. ס'ווערט א הפקרות, א אויסגערופענע הפקרות, אלץ איז הפקרות; ס'נעמט דאך ארויס דעם טעם פון לעבן.

דארף מען וויסן טאַקע, די מלכות דארף טאקע אונטערגיין, די מלכות האט באמת נישט - ס'איז ביסוד איין שטיק הפקרות. נאר מ'דארף אריינגעמען אין זיך א אמת'ע מלכות.]

די תשובה קעגן די 'מלכות הרשעה' איז נאר די אמת'ע מלכות פון צדיק - דאס הייסט א מלכות! וואס הייסט א פראקטישער מענטש, א באלעבאטישער מענטש - א מענטש וואס איז נישט א [ווי זאגט מען? – א, נו ווי רופט זיך עס?!] א אפאזיציאנער, **א אנטי ממסד.**

**מיר זענען נישט קיין 'אנטי ממסד', מיר זענען מענטשן וואס מיר זוכן א מדינה, מיר זענען מענטשן וואס מיר זוכן א מלכות - נאר א אמת'ע מדינה, מיט א אמת'ע מלכות.**

אוודאי אַזאַ צוקריפלטע (א צוקלאפטע) מדינה, דאס איז נישט קיין מדינה! אבער נישט מיר זוכן זאל זיין הפקרות, פארקערט - מיר זענען

מענטשן, דרך ארץ'דיגע מענטשן, מיט א רבי'ן, מ'פירט זיך מיטן רבי'ן, מ'שטייט מיטן רבי'ן, מ'איז נישט קיין ביליגע מענטשן - יעדע זאך פירט מען זיך אזוי ווי דער רבי, באמת ווי דער רבי.

## ביים רבי'ן לערנט מען 'דרך ארץ'

ביי אונז פירט מען זאך אין יעדע זאך - מענטשן האבן פיל הנהגות 'ביי אונז פירט מען זיך אזוי, ביי אונז פירט מען זיך אזוי' - ביי אונז איז נישט אזויפיל דער וואָרט 'ביי אונז פירט מען' - דער רבי מישט זיך נישט אין נוסחאות[סז].

אבער ביי אונז פירט מען זיך צו זיין פריילאך, ביי אונז פירט מען זאך צו מתפלל זיין, ביי אונז פירט מען זאך צו נישט פארגעסן פון דעם אויבערשטן, ביי אונז פירט מען זיך צו מכבד זיין איינער דעם אנדערן, ביי אונז פירט מען זאך צו קוקן אויף די גוט'ס - ביי אונז איז דא פיל הנהגות, פיל הנהגות איז דא ביי אונז[סח].

נאר דאס איז די מלכות ביי אונז - דאס איז דער היפך ההפקרות. אויף אַזאַ מלכות בעטן מיר אויס חודש ניסן, ראש חודש און א גאנצע חודש - מיר בעטן דעם אויבערשטן מיר זאלן ווערן 'בני מלכים'. ס'זאל נתגלה ווערן אז מיר זענען בני מלכים[סט] - מיר זענען מענטשן מיט א נימוס פון מלכות, מענטשן פון דרך ארץ, דער רבי האט געהאלטן פון דרך ארץ.

---

**סז.** ראה שיש"ק ח"ג תל"ג

**סח.** ראה על"ת מכתב ח: פוּק עַיֵּן וְתִשְׁכַּח בְּסִפְרֵי רַבֵּנוּ זַ"ל כָּל אֲשֶׁר תִּשְׁאָלְךָ נַפְשֶׁךָ, **עֵצוֹת וְהַנְהָגוֹת וּדְרָכִים בַּעֲבוֹדַת ה'**, הֲפֹךְ בָּהֶם וַהֲפֹךְ בָּהֶם וּמֵהֶם לֹא תָּזוּעַ שֶׁאֵין לְךָ מִדָּה טוֹבָה מֵהֶם.

**סט.** ראה בליקו"ה ברכת השחר ג,ה וזל"ש: וְזֶה בְּחִינַת ( דִּבְרֵי הַיָּמִים ב' י"ז) וַיִּגְבַּהּ לִבּוֹ בְּדַרְכֵי ה' שֶׁצְּרִיכִין לְהַגְבִּיהַּ לִבּוֹ וְדַעְתּוֹ בְּדַרְכֵי ה' וְלוֹמַר בְּנַפְשׁוֹ שֶׁאֵין נָאֶה לִי לַעֲשׂוֹת מַעֲשִׂים כָּאֵלֶּה

רבי אברהם ר' נחמנ'ס האט געזאָגט, אז דער רבי האט געהאלטן פון דרך ארץ - דער רבי האט דאך געזאָגט[ע]: "**מלכים קענען שיקן די קינדער ביי מיר לערנען דרך ארץ**".

האט ר' אברהם ר' נחמנ'ס געזאָגט[עא] - אז די מידה פון דרך ארץ ביים רבי'ן איז נישט סתם, **אז דער רבי האט גראדע געהאלטן פון דרך ארץ** - נאר דרך ארץ איז א יסוד אין רבינ'ס זאך!

אז מ'האט נישט קיין דרך ארץ קען מען נישט קונה זיין דעם רבינ'ס זאך, ווייל דעם רבינ'ס זאך איז דרך ארץ.

איינער וואס דו טרעפסט אים נאך יארן זיין מקורב צום רבי'ן און ער מאכט נאכנישט קיין התבודדות - פעלט אים אין דרך ארץ! ווען ער וואלט געהאט דרך ארץ פארן רבי'ן, וואלט ער שוין לאנג געמאכט, ער וואלט שוין לאנג געמאכט התבודדות.

בכלל, דער גאנצער זאך צו נישט מאכן התבודדות קומט פון א חסרון אין דרך ארץ - א מענטש לעבט ביים אויבערשטן אָן קיין ישוב הדעת, טראכט נישט וואס ער טוט, שטעלט זיך נישט אָפּ; זעצט זיך נישט רעדן מיטן אויבערשטן - דאס איז חוסר דרך ארץ.

א מענטש פירט זיך, געוואוינט זיך איין צו זיין דרך ארץ'דיג אין אלעס - רעדט ער נישט קיין נארישקייטן. ער פארשטייט אז מ'דארף האבן התבודדות יעדן טאג, ער פארשטייט אז מ'דארף זיין פריילאך – רעדט ער נישט קיין שטותים; אלע עצבות איז שטותים.

---

מַעֲשֶׂה בְּהֵמָה ח"ו, כִּי נַפְשִׁי גָּבֹהַּ מְאֹד נֶפֶשׁ יִשְׂרָאֵל **שֶׁכֻּלָּם בְּנֵי מְלָכִים וְרָאוּי לִי לְהִתְנַהֵג בְּנִימוּסֵי הַמַּלְכוּת דִּקְדֻשָּׁה**, כְּמוֹ שֶׁרָאוּי לְנַפְשׁוֹת יִשְׂרָאֵל שֶׁנִּקְרָאִים (דְּבָרִים י"ד), "בָּנִים אַתֶּם לַה' אֱלֹקֵיכֶם".

**ע.** ראה שיש"ק הישן ח"ג ע"ד : אָמַר רַבֵּנוּ: "מְלָכִים וְקֵיסָרִים יְכוֹלִים לִשְׁלוֹחַ אֵלַי אֶת בְּנֵיהֶם כְּדֵי לִלְמוֹד דֶּרֶךְ אֶרֶץ" - "מְלָכִים און קֵיסָרִים קֶענֶען שִׁיקְן צוּ מִיר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער צוּ לֶערְנֶען דֶרֶךְ אֶרֶץ".

**עא.** ראה שיש"ק הישן ז,תקמ"ו

בדרך כלל אז מ'הייבט אָן רעדן מיט א מענטש פארוואס ער איז בעצבות, גיבט ער ארויס אזעלכע נארישע נימוקים פארוואס ער איז בעצבות - דאס קומט אלץ פון חוסר דרך ארץ; נישט קיין מענטשליכקייט, נישט קיין 'מכיר טוב' פארוואס דער אויבערשטער טוט מיט אים כסדר.

דער אויבערשטער האלט אים אין איין באגיסן מיט גוט'ס, און ער דרייט זיך ארום פארביטערט און פארביסן, אָן א פארוואס.. פארביסן אויף זיך, פארביסן אויף זיינע בני בית, פארביסן אויף ארום און ארום - דאס איז דרך ארץ?! דאס איז מענטשליכקייט?! ס'קלאפט זיך נישט דעם גאנצן רבינ'ס זאך ווען א מענטש איז נישט קיין דרך ארץ'דיגער מענטש[עב].

אבער ווען מ'איז זוכה ר"ח ניסן צו אויספועל'ן א מלכות - וועט מען ווערן 'דרך ארץ'דיגע מענטשן' — אידן!

מ'איז געקומען אמאל צום רבי'ן[עג] - מ'איז געקומען א שבת - מ'האט צובראכן א טיש דארטן; מ'האט זיך געשטופט האט זיך עס צובראכן - האט דער רבי געזאָגט: **'וואס איז דא, משיח'ס צייטן? גוים ווערן מקורב צו מיר?!'** - מ'צוברעכט טישן; 'גוים' ווערן מקורב דא צו מיר..

ביים רבי'ן איז נישטא אַזאַ זאך ס'צוברעכט זאך טישן. ביים רבי'ן איז נישטא אַזאַ סארט שטייגער - די אלע סארט מעשיות איז נישטא ביים רבי'ן.

ביים רבי'ן איז מען דרך ארץ'דיגע מענטשן, בני מלכים! דרך ארץ'דיגע! - פירט זיך שוין אלעס אנדערש.

---

**עב.** ראה על"ת רל"ב: וְאִם יִרְצֶה הַשֵּׁם כְּשֶׁתִּהְיֶה אֶצְלִי אֲדַבֵּר עִמְּךָ גַּם מִזֶּה, **כִּי כָּל הִלְכוֹת דֶּרֶךְ אֶרֶץ הַכֹּל נוֹגֵעַ וְכָלוּל בַּעֲבוֹדַת ה'**. כִּי הַיּוֹם כָּלוּל מִתּוֹרָה וְדֶרֶךְ אֶרֶץ, וְהֵם כְּלוּלִים זֶה בָּזֶה, כַּאֲשֶׁר יוּכַל כָּל אָדָם לְהָבִין בְּעַצְמוֹ.

**עג.** ראה חיי"מ ו וז"ל: זֹאת הַתּוֹרָה (סִימָן ט"ז רַבִּי יוֹחָנָן מִשְׁתָּעֵי) אָמַר בְּשַׁבָּת בְּשַׁחֲרִית בְּאֶמְצַע הַקַּיִץ תקס"ג. וְאָז נִתְקַבְּצוּ אֵלָיו פִּתְאֹם עַל אוֹתָהּ הַשַּׁבָּת [..] וְאָז נִשְׁבַּר הַשֻּׁלְחָן מֵרֹב הָעוֹלָם שֶׁדָּחֲקוּ עַצְמָן עָלָיו. וְהִקְפִּיד וְאָמַר **וְכִי גּוֹיִם יוֹשְׁבִים אֶצְלִי עַל הַשֻּׁלְחָן**, וְכִי עַכְשָׁו יְמוֹת הַמָּשִׁיחַ שֶׁיִּתְקָרְבוּ גּוֹיִם לַצַּדִּיקִים כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב (יְשַׁעְיָה ב: "וְנָהֲרוּ אֵלָיו כָּל הַגּוֹיִם".

## ברסלבע'ר חסידים – 'בני מלכים'

רבי יעקב מאיר [שכטער] שיחי' פלעגט עס אסאך מאל זאגן: אז מ'זעט א בחור וואס ער גיבט אכטונג אויף זיין חאלאט, ס'זאל נישט ווערן שמוציג - מ'טיילט קוגל גיבט ער אכטונג, ער האט מורא אז ער וועט זיך שטופן וועט פאלן א שטיקל קוגל אויף אים.. דער בחור - דער בחור זעט מען ביי אים א סימן פון 'שמירת הברית'!

א בחור וואס האט א געפיל, ער וויל נישט שמוציג ווערן - ער האט דעם געפיל! ער קען, ער האט מורא פון א 'הסתכלות', האט ער מורא פון א הרהור, ער האט מורא צו שמוציג ווערן..

אבער א בחור וואס ער זעט קוגל אינטערעסירט אים גארנישט - זאל ער ווערן אויסגעחזיר'ט - אַזאַ איינער האט נישט קיין שמירה, ער האט נישט קיין חומה נעבאך.

דער 'דרך ארץ' דאס מאכט דעם מענטש זאל זיין א אפגעהיטענער, דאס מאכט קדושה, דאס מאכט הייליגקייט!

דער 'בני מלכים', דאס איז וואס דער אויבערשטער האט אונז אויסגעקליבן - 'אתה בחרתנו' – ער האט אונז געמאכט פאר מלכים, ער האט אונז ארויסגענומען פון עבדות און פאר מלכים האט ער אונז געמאכט!

דאס גייט ר"ח ניסן, דאס גייט פסח - דאס איז די גאנצע קדושה וואס הייבט זאך אָן פון דא און ווייטער; מען באקומט א מלכות.

זאל דער אויבערשטער טאַקע העלפן מיר זאלן זוכה זיין צו זיין אמת'ע ברסלב'ער חסידים, מ'זאל זאך גוט אויסבעטן אין די טעג, אז מ'זאל ווערן נייע מענטשן - ברסלב'ער חסידים.

**ברסלב'ער חסידים - בני מלכים**[עד]! מיר האבן א מלך. מיר האבן א מנהיג. נישטא קיין הפקר, מיר האבן א פאספארט, מיר האבן א תעודת זהות - מיר געהערן ערגעץ, מיר געהערן ערגעץ! מיר געהערן צו א רבי'ן; מ'פאלגט דעם רבי'ן, מ'פירט זיך מיטן רבי'ן, מ'לעבט מיטן רבי'ן, מ'פריידט זיך מיטן רבי'ן - מ'האט א ברסלב'ער פנים.

דער אויבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן אלע זוכה זיין צו קדושת חודש ניסן, מיר זאלן אלע זוכה זיין צו קדושת ישראל - וואס אלץ באנייט זאך יעצט, דער חודש ניסן.

און מיר זאלן טאַקע זוכה זיין צו ארויסגיין מעבדות לחרות---

**עד.** ראה במכתבי ר' נתן ב"ר יהודה מכתב י"ד: אך לבי בוער בקרבי להודיע לכם להלהיב לבבכם היקר **כי אתם בני מלכים** ולא בני השפחות כי רבנו ז"ל לא קבל לעצמו בני השפחות כי אם בני מלכים.

בס"ד

מִי שֶׁתּוֹרָתוֹ בְּלֹא הֲבָנָה בָּהּ שׁוּם חִדּוּשׁ, אַף עַל פִּי שֶׁהַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מִתְעַנֵּג בָּהּ גַּם כֵּן, אַף עַל פִּי כֵן אֵין לִדְרֹשׁ אוֹתָהּ לָרַבִּים

**אֲבָל מִי שֶׁחֲנָנוֹ ה' לְהָבִין וּלְחַדֵּשׁ אֵיזֶה דָּבָר כָּל אֶחָד לְפִי בְּחִינָתוֹ, הַיֹּשֶׁר מְחַיֵּב, שֶׁיְּגַלֶּה וְיַכְנִיס זֹאת הַהֲבָנָה לְעַם סְגֻלָּה, וְיֵיטִיב מִטּוּבוֹ לַאֲחֵרִים**

(ליק"ע)

# מגלים ומכניסים זאת ההבנה לעם סגולה !

## יש לנו עכשיו את ההזדמנות ואת הזכות להוציא לאור

דיבורי ראש חבורתנו הבלתי נשכח

## ר' חיים בנימין וורטהיימר ז"ל

## שדיבוריו היה לחדש ולהחיות את דברי רביה"ק לקיימם בתמימות ופשיטות

# חבר יקר !

## קח שותפות קבוע בעסק קדוש זה

**איהר קאנט זיין שותף אין פעלן און אין רצון און אין טרחא**

**לתרומות**

ירושלים:
הר"ר יהודה שטרנפלד הי"ו
05331.93747

בית שמש:
הר"ר דוב בער רובינפלד הי"ו
05341.52325